# קול סאטמאר

חודש טבת תשס"ט לפ"ק


# קלָארע שטעלונג פון הנהלת מוסדות סאַטמאַר ב"פ געהערט ביי העכסט-ערנסטער "גענעראַל פאַרזאַמלונג" אין פול-געפּאַקטער ביהמ"ד הגדול ד'סאַטמאַר ב"פ

## מיט באַטייליגונג פון הרבנים הגאוה"צ גדולי תורה רבני ודייני הקהלה שליט"א און רוב חברי הקהלה

**מעכטיגער אָפּקלאַנג פון "רעזאָלוציעס" אויסגערופן פאָרנט פון ארון הקודש: הנהלת המוסדות גרייט זיך צו שטעלן לדין תורה ביי בי"ד המרוצה אָדער בזבל"א; מסור והולך בערכאות של עכו"ם נגד התורה אויסגעשלאָסן פון זכות חבר הקהלה**

בארא פארק. - פארגאנגענעם דאנערשטאג אוונט, ליל שישי פר' ויגש, האבן טויזנטער אנשי שלומינו תלמידי וחסידי סאטמאר, חברי הקהלה פון קהלתינו הק' קהל יטב לב אין די שטאט בארא פארק, איבערגעפילט דעם געפאקטן בית המדרש הגדול דקהל יטב לב ד'סאטמאר אין בארא פארק, ביי אן אויסערארדענטליכער "גענעראל פארזאמלונג", וואס איז געווארן פארופן דורך די הנהלת הקהלה, אין ליכט פון די לעצטע פאסירונגען מיט די שוידערליכע און זינלאזע שריט פון הליכה בערכאות של עכו"ם, דורך א יחיד קעגן די הנהלת המוסדות אין ב"פ.

דער הולך בערכאות פון בארא פארק איז א שליח פון די גרופע מחרחי ריב אין וויליאמסבורג, וועלכע האבן אין די לעצטע יארן זיך אונטערגענומען געמיינע שריט צו ערפילן זייער געמיינע תאוות הנצחון והשררה פון "אני אמלוך", צו פארכאפן דאס בעלות אויף אלע סאטמארער קהלה און מוסדות התורה, וואס פאר די סיבה זענען זיי זיך משתמט פון גיין צו דין תורה אין וויליאמסבורג שוין נאענט צו צען יאר; פאר די סיבה האבן זיי געעפענט מערערע קלאגעס קעגן פריוואטע יחידים; פאר די סיבה האבן זיי געלאזט ארעסטירן און שמאכטן אין טורמע צענדליגער בחורים און אינגעלייט, אריינגערעכנט די פרשת ה"קרוין", פרשת "מקוה טהרה", פרשת "שמיני עצרת", א.א.וו.; פאר די סיבה האבן זיי ליידער אין די לעצטע וואכן געקלאגט די ראשי הקהלה וחברא קדישא איבער די אנגעלעגנהייטן פון בית החיים דקהל יטב לב אין קרית יואל; פאר די סיבה האבן זיי אנגעפירט מיט אומצאליגע געריכטן און קרימינאלע קלאגעס אין קרית יואל; פאר די סיבה האבן זיי גערופן קהלתינו הק' אין געריכט אין מאנטרעאל; פאר די סיבה האבן זיי במזיד עובר געווען אויף א פסק בי"ד און אנגעפירט געריכטליכע שריט אין לאנדאן; והאחרון הכביד: פאר די סיבה ווענדן זיי זיך צום ציוני'סטישן געריכט בג"ץ - און אלעס אונטערן שלייער פונעם הייליגן נאמען "סאטמאר".

אויך בארא פארק איז נישט געווארן אויסגעמיטן פון די טאקטיקן פון די בעלי מחלוקת ומבקשי כבוד ושררה. עס שטייט זיי לצנינים אז די קהלה קדושה קהל יטב לב ד'סאטמאר בארא פארק און די מוסדות תורה ויראה ובית רחל דרבינו יואל ווערט געפירט לשם ולתפארת אונטער די הדרכה פון כ"ק הגה"צ אבד"ק סאטמאר ב"פ שליט"א, וועלכער איז צו דעם נתמנה געווארן מיט באלד 30 יאר צוריק דורך חותנו הגדול כ"ק מרן הגה"ק בעל ברך משה מסאטמאר זי"ע, און שטייט היינט תחת דגל נשיאות בנו וממלא מקומו כ"ק מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א.

איז געקומען דער באפעל "פון אויבן" אז מ'מוז זיך נעמען אויך צו "בארא פארק". מתחילה האט מען אנגעשטעלט א פני תם, מ'וויל בלויז קומען צו א "חומש סעודה"... אבער אין קארגע צוויי יאר האט מען זיך דערקייקלט צום ארגסטן, ס'האט זיך ארויסגעשיילט די בייזוויליגע כוונות און געמיינע אמביציעס, צו קלאגן אין גוי'שן געריכט, בערכאות של עכו"ם, און אזוי דערמיט פרובירן אומצואווארפן די תורה'דיגע הנהגה און הנהלת המוסדות הקדושים.

שוין העכער צוויי יאר וואס דער יחיד פון בארא פארק האט זיך פארמאסטן חרוב צו מאכן די הייליגע מוסדות אין די שטאט בארא פארק, וואס איז נתייסד געווארן דורך כ"ק מרן רבינו הקוה"ט בעל דברי יואל מסאטמאר זי"ע, און כאטש די הנהלת המוסדות איז פון די ערשטע מינוט אן געווען גרייט, און איז ווייטער גרייט זיך צו שטעלן לדין תורה, האט מען מכשיר געווען אלע מיטלען וואס שטייען אין זיין דיספאזיציע, מ'האט זיך ליידער נישט אפגעשטעלט פאר גארנישט, נאר איז געגאנגען אזוי ווייט, אז ער האט אריין געגעבן א געריכטליכע קלאגע קעגן די 8 חברי הנהלת המוסדות אן קיין שום רשות בי"ד.

אין לויף פון די צוויי יאר, זינט ס'האט זיך אנגעהויבן די ערשטע געריכטליכע שריט אין וועלכן דער הולך בערכאות האט געקלאגט דעם מנהל המוסדות, הרבני החסיד מו"ה אהרן וועלץ הי"ו, האט די הנהלת המוסדות זיך פארבינדן ביים בית דין המזמינים, און אויך באלד אונטערגעשריבן "שטרי ברורין" ביים בי"ד אויף וועמען דער הולך בערכאות האט זיך פאררופן. און אפילו נאכדעם וואס דער בי"ד המזמין האט אים געגעבן בלויז א שוואכע ערלויבעניש צו לייגן א געריכטליכן עיקול, און חלילה נישט קלאגן אין געריכט, האט ער זיך נישט אפגעשטעלט פאר גארנישט, נאר געטאן דעם אומגלויבליכן שריט צו קלאגן די מוסדות הקדושים אין גוי'שן געריכט, און אריין געטראגן דעם סכסוך בלי שום בושה אין ערכאות של עכו"ם.

ס'איז ממש אומפארשטענדליך וויאזוי דאס הארץ האט נישט געקלאפט ביים הולך בערכאות של עכו"ם, וויסנדיג אז מיט זיין ווולגארע שריט הייבט ער אויף א האק אויף די קהלה קדושה און אירע טויזנטער מיטגלידער; ער פארטשעפעט זיך מיט די הייליגע נשמה פון רבינו הק' מרן בעל דברי יואל זי"ע דער מייסד המוסדות זי"ע; ער איז גורם צער ועגמת נפש פאר נשמת רבינו הגה"ק בעל ברך משה זי"ע; ער איז לוחם א מלחמת חרמה מיט די טויזנטער טייערע תינוקות של בית רבן וועלכע זענען קרבנות פון זיין ביטערע מחלוקה. - ס'האט אים גארנישט אפגעהאלטן פון צו ערפילן די שליחות פון זיינע משלחים, און אריינגעטראגן די קלאגע אין גוי'שן געריכט.

אין ליכט פון דעם געפערליכן פרעצעדענטלאזן שריט, האט די הנהלת הקהלה פאררופן א מאסן "גענעראל פארזאמלונג", וואו עס זאל עפענטליך געהערט ווערן די שטעלונג פון די הנהלת הקהלה און הנהלת המוסדות; זייער גרייטקייט זיך צו שטעלן צו דין תורה; דער חובת השעה אין אזא גורל'דיגער מינוט, און דער דין פון דעם הולך בערכאות ומרים יד בתורת משה.

צו דעם "גענעראל פארזאמלונג" איז זיך צוזאמגעקומען א ריזן ציבור, מיטגלידער פון די קהלה קדושה און עלטערן פון תלמידי המוסדות, ווי אויך א גרויסער ציבור פון די שטאט בארא פארק, וועלכע זענען געקומען מיטשטיין בעת צער אין אזא שוידערליכע פאסירונג. די אסיפה איז געווארן באשיינט מיט די באטייליגונג פון די דייני הקהלה, רבנים און אדמורי"ם, חשובע מגידי שיעור און מרביצי תורה, זקני אנשי שלומינו, ובראשם דער מרא דאתרא כ"ק הגה"צ אב"ד ור"מ סאטמאר בארא פארק שליט"א.

ביי א פול געפאקטן ביהמ"ד מן הקצה אל הקצה, האט הגה"ח הרב מרדכי שבתי מארקאוויטש הי"ו, דער גבאי נאמן דקהל יטב זה פאר לאנגע יארן צו וועלכן ער איז נאך געשטעלט געווארן דורך רבינו הק' מרן בעל דברי יואל זי"ע, גענומען דאס ווארט און איינגעלייטעט די אסיפה. ער האט באגריסט דעם ציבור און ברוב עם פארגעלערנט פון אינעווייניג דעם שארפן לשון אין שו"ע חו"מ סי' כ"ו, איבער דעם דין פון הליכה לערכאות של עכו"ם, "כל הבא לידון בפניהם הרי זה רשע וכאילו חירף וגידף והרים יד בתורת משה רבינו ע"ה, ויש ביד בית דין לנדותו ולהחרימו עד שיסלק יד עכו"ם מעל חבירו".

מיט א לענגערע דרשה האט אויפגעטרעטן הרה"ג רבי אנשיל גרובער שליט"א טוען רבני בעיר ואב"י מאנסי יע"א, וועלכער האט מיטגעהאלטן די גאנצע השתלשלות פון די דין תורה אין לויף פון העכער צוויי יאר. ער האט אראפגעגעבן פארן ציבור אלע דעטאלן פון די גאנצע פרשה מיט א געוואלדיגן קלארקייט.

דער חשובער בעל דרשן רבי אנשיל שליט"א האט קלאר ארויסגעברענגט וויפיל מאל דער מנהל המוסדות מו"ה אהרן וועלץ הי"ו האט געטון לפנים משורת הדין, אונטערגעשריבן שטרי בירורין, נאכגעגעבן פארשידענע תנאים, יעדן טאג חדשים

לבקרים, אפילו וואס ער האט נישט געדארפט צו טאן על פי הלכה ועל פי יושר, נאר ער האט אלעס געטוהן כדי דער סכסוך זאל געשליכטעט ווערן ביי דין תורה, ווי די תורה הק' פארלאנגט.

א גרויסער טייל פונעם פארזאמעלטן ציבור וואס איז ביז דאן נישט געווען אזוי קלאר מיט די פאקטן, האט צום ערשטן מאל געהערט די גאנצע השתלשלות, און געשטוינט איבער די קלארע און שטוינענדע פאקטן ווי ווייט מ'איז גרייט געווען צו טוהן צו שליכטן דעם סכסוך ביי בית דין של ישראל. זיינע ווערטער האבן געמאכט א געוואלדיגען רושם אויפן גאנצן ציבור.

דאן האט אויפגעטרעטן בשם די צענטראלע קהלה, הרבני החסיד בנש"ק פה מפיק מרגליות רבי אלישע שמואל הורוויץ הי"ו מראשי הקהלה אין קרית, וואו ער האט אין זיינע ווערטער מיט א געוואלדיגע קלארקייט אפגעווארפען די אלע לעכערליכע תירוצים מיט וואס די מוסרים באנוצן זיך אין די לעצטע תקופה צו בארעכטיגן זייער נידערטרעכטיגע מעשים תעתועים צו פארטומלען די מוחות פונעם ציבור.

דאן איז געווען א שפאנענדער מחזה, ווען דער מנהל המוסדות הרבני החסיד מו"ה אהרן וועלץ הי"ו איז ארויף צום מייקראפאן פארנט פון ארון הקודש, און מיט קורצע און גאר קלארע ווערטער אויסגערופן בשם הנהלת המוסדות, אז ער איז גרייט זיך צו שטעלן צו דין תורה צו יעדע צייט, און באזונדער באטאנט, אז די הנהלת המוסדות וועט טוהן אלע פעולות על פי הוראותיו פונעם דיין, הגאון הגדול רבי אפרים שמעון לייכטאג שליט"א דומ"ץ קהל יטב לב ד'סאטמאר 15'טע עוו. (דער דיין שליט"א איז אין די לעצטע תקופה געווען שטארק פארמישט און אקטיוו להשכין שלום בין הצדדים, און פערזענליך ארויסגעהאלפן צו ברענגן דעם סכסוך צו א בית דין של ישראל, וואו ער האט זיך איבערגעצייגט אין די לעכערליכקייט פון דעם הולך בערכאות און זיין מכלומר'שטן "היתר". דער דיין שליט"א איז געווען אנוועזנד בשעת מעשה פון די הכרזה, ובשאלת פיו ואמר הן).

צום שלוס פון די אסיפה האט דער יו"ר מו"ה מרדכי שבתי מארקאוויטש הי"ו פראקלאמירט די "רעזולוציעס" פון די "גענעראל פארזאמלונג":

א. דער הולך בערכאות מוז תיכף ומיד אַרויסגיין פון ערכאות של עכו"ם בלי שום טענה ומענה.

ב. די הנהלת המוסדות איז גרייט זיך צו שטעלן צו דין תורה ווי די תורה הק' פאַרלאַנגט, ביי יעדן בית דין כשר בישראל, אָדער בזבל"א. דער מנהל המוסדות מו"ה אהרן וועלץ הי"ו האט אין עבר זיך שוין געשטעלט צו דין תורה ווען ס'איז אונטערגעקומען אין די הנהגת המוסדות און וועט ווייטער אזוי טוהן בעתיד צו פאָלגן וואָס די דין תורה פסק'נט.

ג. די הנהלת הקהלה וועט טאָן אַלעס אויף דער וועלט על פי תורה אָפּצושטעלן די הליכה בערכאות שלא ברשות בית דין. ווי אויך רופן מיר יעדן איינעם בלי יוצא מן הכלל, ווער ס'האָט אַן השפעה אויף די הולכי ערכאות, זאָל משפיע זיין אַז זיי זאָלן תיכף ומיד אַרויסגיין פון ערכאות של עכו"ם און זיך שטעלן צו דין תורה ווי מיר זענען מחויב על פי שו"ע.

ד. דער הולך בערכאות איז אויסגעשלאָסן פון די קהלה. ער פאַרלירט אַלע זכותים וואָס קהל שטעלט צו פאַר אירע מעמבערס, אַריינגערעכנט דעם זכות קבורה אין בית החיים שע"י קהלתינו הק'. ווי אויך קען ער קיינמאָל מער נישט האָבן קיין פּאָזיציע אין די הנהלת הקהילה והמוסדות כמבואר בשו"ע.

די רעזולוציעס זענען באשטעטיגט געווארן בהסכמת כל הדעות, איינשטימיג און קלאר, אין איינקלאַנג מיט די שטאַטוטן, ווי אויך על פי הוראת דייני הקהלה הק', בהסכמת המרא דאתרא דער רב שליט"א, ובהסכמת כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א. מיט דעם האט זיך געשלאסן די אסיפה, ווען דער גאנצער ציבור איז ביי די קלארע מיינונג ווייטער צו שטיין לימינם פון די הנהלת המוסדות, און טוהן כל טצדקי שבעולם אפצושטעלן דעם חילול שם שמים הנורא וואס ווערט ליידער אפגעטוהן דורך די הליכה לערכאות של עכו"ם און הרמת יד בתורת משה.

ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם.

## רשימה פון הרבנים הגאוה"צ שליט"א שהשתתפו אצל

# "גענעראַל פאַרזאַמלונג"

## בביהמ"ד הגדול דקהל יטב לב ד'סאַטמאַר ב"פ

## יום ה' פר' ויגש תשס"ט לפ"ק

### רבני ודייני קהלתינו הק':

כ"ק הגה"צ אבד"ק ור"מ קהל יטב לב ד'סאטמאר ב"פ שליט"א - כ"ק הגה"צ אבד"ק קהל יטב לב סאטמאר 15'טע עוו. שליט"א - הגאון הגדול רבי משה פריעדמאן שליט"א דומ"ץ קהל יטב לב ד'סאטמאר בעל מח"ס שו"ת הוסיף משה - הגאון הגדול רבי אפרים שמעון לייכטאג שליט"א דומ"ץ קהל יטב לב ד'סאטמאר 15'טע עוו. - הרה"ג רבי יקותיאל יהודה מייזליש שליט"א דומ"ץ בקהל יטב לב ד'סאטמאר ב"פ - הרה"ג רבי אברהם מאיר הלברשטאם שליט"א דומ"ץ קהל יטב לב ד'סאטמאר 18'טע עוו. - הרה"ג רבי אלטר אליעזר הורוויץ שליט"א דומ"ץ ביהמ"ד התאחדות אברכים ד'סאטמאר - הרה"ג רבי משה דוד הורוויץ שליט"א רב ביהמ"ד קהל יטב לב ד'סאטמאר 12'טע עוו.

### עפ"י סדר הא"ב:

הרה"ג רבי ברוך בענדיט לויפער שליט"א מגי"ש בביהמ"ד הגדול דקהל יטב לב ד'סאטמאר ב"פ - הרה"ג רבי ברוך יצחק רובין שליט"א - הרה"ג זרח שפירא שליט"א מנהל רוחני מוסדות סאטמאר ב"פ - הרה"ג רבי חיים אלעזר ראבינאוויטש שליט"א דומ"ץ קהל דרכי תשובה דינוב ור"מ בישיבה הגדולה ויואל משה ד'סאטמאר ב"פ - הגה"צ רבי חיים יעקב רובין שליט"א אבד"ק צעשינוב ור"מ ישיבה גדולה סאטמאר ב"פ - הרה"ג יוסף בנימין שטערן שליט"א מנהל רוחני מוסדות סאטמאר ב"פ - הרה"ג רבי יעקב ראטטענבערג שליט"א ר"מ בישיבה תורה ויראה ד'סאטמאר ב"פ - הרה"ג רבי יצחק אייזיק גרין שליט"א מנהל רוחני ישיבה קטנה ד'סאטמאר ב"פ - הרה"ג רבי יצחק אייזיק טירנויער שליט"א רב הצעיר קהל שומרי שבת ור"מ בישיבה גדולה ד'סאטמאר ב"פ - הרה"ג רבי ישראל מאיר קעניג שליט"א מו"ץ בבית הוראה שע"י קהל יטב לב ד'סאטמאר ב"פ - הרה"ג רבי ישראל שלמה זלמן ליכטנשטיין שליט"א ראש כולל ערב יסודי התורה - הרה"ג רבי לייבוש אילאוויטש שליט"א בן הגה"צ משאמשאן שליט"א חבר וועד החינוך בית רחל של מוסדות סאטמאר ב"פ - הרה"ג רבי מאיר מייער שליט"א מגי"ש בביהמ"ד קהל יטב לב ד'סאטמאר ב"פ - הרה"ג רבי מרדכי אהרן מייזליש שליט"א רב ביהמ"ד איחוד התלמידים וויליאמסבורג - הרה"ג רבי עקיבא יוסף כהנא שליט"א מנהל רוחני מכינה לישיבה קטנה ב"פ

# שאַרפע דברי מחאה קעגן הליכה לערכאות אין ב"פ געהערט ביי סעודת הילולא פון הגאון הצדיק אבד"ק טאַרטיקוב זצ"ל

### דורך בנו הגה"ח הנגיד המפורסם הרב חיים יהושע באַב"ד שליט"א מייסד ונשיא בד"ץ וכולל טארטיקוב

בארא פארק. - אין די אידישע בארא פארק האט געמאכט א געוואלדיגן רושם די שארפע דברי מחאה קעגן די שענדליכע הליכה לערכאות של עכו"ם, דורך א יחיד, קעגן די הנהלת מוסדות תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר, וואס איז געהערט געווארן פארגאנגענעם שב"ק פר' ויגש, בעת רעוא דרעוין אין ביהמ"ד טארטיקוב אין בארא פארק, וואו ס'איז געווארן אפגעהאלטן די סעודת הילולא פון הגאון הצדיק המפורסם מעמודי הוראה וגדולי הרבנים בארצות הברית, רבי אלכסנדר אשר באב"ד זצ"ל אבד"ק טארטיקוב, בנוכחת בניו הרבנים הגאונים הצדיקים שליט"א.

דער טארטיקובער רב זצ"ל איז געווען מגדולי הרבנים דא אין אמעריקא, א רב רבנן וועלכער האט געטראגן דעם כתר הרבנות מיט כבוד און פראכט, א גאון עצום בכל מכמני תורה, א מתמיד בתורה יומם ולילה, און מרביץ תורה לעדרים פאר תלמידים וחסידים, ער איז געווען מחשובי גדולי יהדות החרדית הצרופה פון וועמען עס האט זיך געבויעט דער מבצר התורה וההוראה טארטיקוב.

באזונדער איז דער טארטיקובער רב זצ"ל געווען ברייט באקאנט מיט זיין מומחיות אין פעלד פון פסק'נען דיני תורה צווישן אחינו בני ישראל; ער איז געווען דער "יחיד מומחה" אין חלק חושן משפט, און אנגעפירט מיט די גרעסטע און פארצווייגסטע דין תורה'ס אין לעצטן דור, אין וועלכן דרך המסורה עס גייען זיינע קינדער הרבנים הגאונים הצדיקים שליט"א, שטייענדיג בראש פון חשובע בתי דין בישראל, ועליהם תפארת בית ישראל.

צו די 23'סטע סעודת הילולא וואס איז פארגעקומען פארגאנגענעם שב"ק ביי ס"ג, זענען זיך צונויפגעקומען לכבודו פונעם טאטיקובער רב זצ"ל, פילע הונדערטער ידידים און מעריצים, די חברי ורבני הכולל פונעם בארימטען טארטיקובער כולל, און שפיץ פון בניו הרבנים הגאונים הצדיקים גדולי תורה והוראה שליט"א.

לרגל די הילולא האט מען געהערט דברי תורה וזכרון פון בניו הרבנים שליט"א, ה"ה הגאון רבי מרדכי שליט"א דומ"ץ מכון להוראה, הגה"צ רבי נפתלי מאיר שליט"א ראב"ד בד"צ טארטיקוב, הגה"ח הנגיד הרב חיים יושע באב"ד שליט"א נשיא כולל טארטיקוב, און חתנו הרה"ג רבי אברהם האלבערשטאם שליט"א ראה"כ בית אברהם.

די חשובע רבנים שליט"א האבן ארויסגעהויבן די געוואלדיגע התמדה און דביקות בתורה פונעם רב זצ"ל, מיט וואס דער רב זצ"ל איז געווען אזוי בארימט, ולעומת זה די געוואלדיגע מדות טובות און מדת ההשתוות, דאס צוגעלאזנקייט צו יעדן, דאס התקשרות און דביקות וואס דער רב זצ"ל האט געהאט צו די צדיקי הדור, בפרט אין רבינו הק' מרן בעל דברי יואל מ'סאטמאר זי"ע.

א געוואלדיגער רושם האט געשאפן די שארפע דברי מחאה וואס איז דארט געהערט געווארן דורך בנו הגאון החסיד הרבני הנגיד דער גרויסער תומך תורה ומוקיר רבנן, דבוק וקרוב לגדולי צדיקי הדור, הרב חיים יהושע באב"ד שליט"א נשיא ומייסד הבי"ד והכולל טארטיקוב, וואו ער האט שארף ארויסגעברענגט דאס שארפקייט וואס דער רב זצ"ל האט געהאט איבער'ן ענין פון הליכה לערכאות של עכו"ם.

רבי חיים יושע שליט"א האט בתוך דבריו דערציילט א מעשה פון יארן צוריק, ווען דער טאטע ז"ל האט נאך געוואוינט אין וועסט-סייד, האט א געוויסער איד, א מתפלל בבית מדרשו, גערופען א צווייטן איד אין גוי'שן געריכט, האט דער רב ז"ל אים ארויסגעווארפען פון ביהמ"ד, כאטש דער רב ז"ל האט זיך דאן נאך געמוטשעט מיט מנין. ווייל דאס איז א הרמת יד בתורת משה רבינו ע"ה און מעשה נבלה וואס מ'דארף ארויסקומען קעגן דעם מיטן גאנצן שארפקייט.

דא האט הרב חיים יושע שליט"א אויסגעדריקט דעם ווייטאג פון עולם התורה וההוראה קעגן די הליכה לערכאות של עכו"ם פון דעם יחיד אין בארא פארק קעגן די סאטמארער מוסדות. ער איז אויסגערופן מיט ווייטאג, "זיי פאררופען זיך גאר "הנהגת התורה", זיי זענען גאר די פרומע?, אויפן עירוב קען מען זיך נישט פארלאזען, ווייל די רבנים המתירים, וואס זענען אויסגערופענע גדולי תורה, קען מען זיך אויף זיי נישט פארלאזן, אבער אויף דעם ב"ד אין מאנסי קען מען זיך יא פארלאזן אויף אזא סענסעטיווער ענין פון ערכאות"?!

"ס'איז זיכער אז ווען דער טאטע ז"ל וואלט יעצט געלעבט וואלט ער געטון אלעס אויף דער וועלט אפצושטעלן די הליכה לערכאות, און דאס איז יעצט דער פליכט פון דעם חשובן ציבור, צו מגנה זיין די מעשה נבלה פון הליכה לערכאות, און ארויסקומען קעגן דעם מיטן גאנצן שארפקייט, צו וויסן דעם חומר הענין, וואס דער הייליגער מחבר פסק'עט אין שו"ע אז צו גיין בערכאות של עכו"ם איז מען א רשע ומרים יד בתורת משה רבינו ע"ה.

די אויפריכטיגע דברי מחאה האבן געהאט א געוואלדיגן אפקלאנג איבער די שטאט בארא פארק, סיי פון די קלארע ווערטער בחומר איסור הליכה לערכאות, און ספעציעל איבער דעם פאקט אז דער נגיד וחסיד הרב חיים יושע באב"ד שליט"א האט אין די לעצטע יארן פיל פארהאנדלט מיט דעם צד שכנגד, און פון דער נאענט זיך איבערגעצייגט איבער די געמיינע שקרים וכזבים מיט וואס זיי האבן פרובירט צו פיטערן די מאסן, און יעצט איז ער ארויסגעקומען אויסשרייען דעם אמת לאמיתו.

והצדיקו את הצדיק והרשיעו את הרשע.

צוליב די מעשה מחפישה אין בארא פארק ווען א יחיד האט תובע געווען בערכאות של עכו״ם 8 אנשים יראים ושלמים חרדים לדבר ה׳, די חברי הנהלת מוסדות סאטמאר,

# אן שיקן אפילו איין הזמנה לדין תורה ביי א בית דין של ישראל,

זענען מיר דא מפרסם די

# דינים פון א מסור

**כדי דער ערליכער ציבור זאל וויסן וואס ס׳פארלאנגט זיך לפי דיני התורה והשולחן ערוך זיך צו פירן מיט דעם מסור והולך בערכאות, עד אשר ישוב מדרכו הרעה.**

ס׳ווערט קלאר גע׳פסק׳עט אין שולחן ערוך חושן משפט (סי׳ כ״ו סעי׳ א׳), כל הבא לידון בפניהם – ווער ס׳גייט זיך דן זיין אין גוי׳שן געריכט – הרי זה רשע – דער איז א רשע – וכאילו חירף וגידף והרים יד בתורת משה רבינו ע״ה – ס׳איז ווי גלייך ער האט געלעסטערט און אויפגעהויבן א האנט קעגן די הייליגע תורה פון משה רבינו ע״ה.

פסק׳עט אויף דעם דער הייליגער רמ״א: ויש ביד בית דין לנדותו ולהחרימו עד שיסלק יד עכו״ם מעל חבירו. – דאס בית דין דארף דעם הולך בערכאות לייגן אין ״נידוי״ ביז ער וועט צוריקציען די קלאגע פונעם גוי׳שן געריכט.

דער רמ״א שרייבט אין דרכי משה (חו״מ סי׳ י״ט, וממנו העתיק ליו״ד סי׳ של״ד ס״ו) וז״ל, כתב ב״י פ׳ הגוזל בתרא דף ל״ז ע״ב בשם רב פלטוי גאון, כותבין לקהילות ישראל פלוני גזרנו עליו דין וסירב ולא השגיח והחרמנו אותו

- **שלא יתפללו עמו בעשרה – מ׳טאר מיט אים נישט דאווענען מיט מנין;**
- **ולא יזמנו עמו – מ׳טאר אים נישט מצרף זיין צו זימון ביי ברכת המזון;**
- **ולא ימולו לו בן – מ׳זאל נישט מל׳ן זיינע קינדער;**
- **ואל יקברו לו מת – מ׳זאל ביי אים נישט באגראבן א בר מינן;**
- **והוציאו בניו מבית הספר – מ׳זאל פארשיקן זיינע קינדער פון חדר;**
- **ואשתו מבית הכנסת – און זיין ווייב פון שול;**
- **עד שיקבל עליו הדין – ביז ווילאנג ער וועט אננעמען דעם אידישן דין תורה.**

אויף די ווערטער פונעם רמ״א ״ויש ביד בית דין לנדותו ולהחרימו עד שיסלק יד עכו״ם מעל חבירו״, ווען מיר ברענגען די דינים וואס ווערט גע׳פסק׳עט אין שו״ע (יו״ד סי׳ של״ד) די דינים פון א מנודה:

- **אין יושבין בד׳ אמותיו – מ׳טאר נישט זיצן אין זיינע פיר איילן;**
- **ואין אוכלין ושותין עמו – מ׳טאר נישט עסן און טרינקן אינאיינעם מיט אים;**
- **ואין מזמנין עליו – מ׳רעכנט אים נישט צו זימון;**
- **ואין כוללין אותו לכל דבר שצריך עשרה – מ׳קען אים נישט מצרף זיין צו קיין שום זאך וואו ס׳פארלאנגט זיך א מנין פון צען;**
- **ולא ידבר עמו אלא לצורך, כמי שמדבר עם האבל – מ׳טאר נישט רעדן מיט אים נאר פאר א ספעציעלן געברויך, אזוי ווי מ׳רעדט צו אן אבל;**
- **ואסור ליכנס לביתו – מ׳טאר נישט אריינגיין אין זיין הויז.**

איבער דעם חומר העון פון קלאגן אין גוי׳שן געריכט, אויף וועלכן ס׳ווערט צוגעטיילט אזעלכע הארבע עונשים, שרייבט דער ״ביאור הגר״א״ (חו״מ שם סק״א), שכל מי שמניח דייני ישראל והולך לפני עכו״ם כפר בהקב״ה תחילה ואח״כ כפר בתורה, שנאמר כי לא כצורנו צורם ע״כ.

# אמת תורתינו הקדושה והטהורה

ישיבה ומתיבתא תורה ויראה
דרבינו יואל מסאטמאר, בארא פארק
נתייסד ע״י כ״ק רבינו הקוה״ט זי״ע - בנשיאות כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א

ב״ה

# מודעה

**צו די הולכים בערכאות העולמי והולכים לבג״ץ הציוני,
וועלכע האבן אריינגעגעבן א געריכטליכע קלאגע
קעגן אונזערע מוסדות הקדושים**

אלס רעזולטאט פונעם אפעלאט געריכט אורטייל, ערשינען פארגאנגענעם פרייטאג, שטעלט זיך אוועק אז כדי פארצוזעצן ענקער הליכה לערכאות, דארף מען אונז - חתומי מטה - יעדן באזונדער אנקלאגן אין געריכט, און ווי מיר הערן קלאנגען, פלאנירט איר פארצוזעצן מיט די קלאגעס און דעם יקור שם אלילים ר״ל, טראץ וואס איר האט נישט דערצו קיין שום רשות בית דין, און טראצדעם וואס מיר זענען נייע נתבעים אין דעם סכסוך און מיר האבן קיינמאל נישט ערהאלטן קיין שום הזמנה לדין תורה פון קיין שום בית דין.

ווילן מיר מגלה דעת זיין בשער בת רבים - נאך איידער מיר האבן סיי וועלכע ידיעה צי איר האט אפילו א קלער אונז צו רופן פריער צו דין תורה - אז מיר זענען גרייט זיך צו שטעלן צו דין תורה ביי א בית דין המרוצה לשני הצדדים, אדער ביי דעם בית דין של זבל״א מיט הרה״ג רבי מרדכי באב״ד שליט״א אלס שליש, אזוי ווי דער בית דין המזמין "ביד״צ אבן המשפט" אין מאנסי, ניו יארק, האט פארעפנטליכט אין איר החלטה ביום ט״ו לחודש אדר א׳ תשס״ח (זעט בייגעלייגט פאטאסטאט).

גלייכצייטיג זענען מיר אויך מגלה בשער בת רבים, אז מיר זענען גרייט אונטערשרייבן תיכף ומיד שטרי בירורין ביים דערמאנטן שליש הרה״ג רבי מרדכי באב״ד שליט״א, אזוי ווי אונזער חשובער מנהל המוסדות הרה״ח ר׳ אהרן וועלץ הי״ו האט שוין געחתמ׳ט שטרי בירורין ראש חודש אדר ב׳ תשס״ח ביי דעם דערמאנטן שליש הרב באב״ד שליט״א, נאכן ערהאלטן די החלטה הנ״ל פונעם בית דין המזמין, דאטירט יום ט״ו לחודש אדר א׳ תשס״ח. אויך לאזן מיר וויסן, אז אונזער בורר איז, הרה״ג רבי זלמן גרויז שליט״א.

והעושה שלום במרומיו הוא יעשה שלום עלינו ועל כל ישראל אמן.

**חברי הנהלת המוסדות**

זלמן חיים ליכטמאן, מרדכי שבתי מארקאוויטש, נפתלי קלאגסברוין,
שלום מאיר קעסטענבוים, מרדכי וויים, אליעזר ליבערמאן,
ברוך מרדכי גאלדבערגער, נחום וועלץ

קהל יטב לב
ד׳סאטמאר

Cong. Yetev Lev
D'Satmar

163 Rodney Street • Brooklyn NY 11211 • Tel. 718-302-6720 • Fax. 718-486-2473

ב״ה

# אזהרה

לויט דעם אורטייל פונעם אפעלאט געריכט פארגאנגענעם פרייטאג, איבער די קאורט קלאגע וואס איז אריינגעגעבן געווארן דורכין כת הולכים בערכאות העולמי והולכים לבג״ץ הציוני קעגן הנהלת מוסדותינו הקדושים אין בארא פארק, שטעלט זיך ארויס אז די הולכים בערכאות קענען נישט פארזעצן זייער הליכה בערכאות נאר אויב זיי וועלן אויך אנקלאגן אין געריכט אלע חברי הנהלה, נישט בלויז טייל פון זיי.

דערפאר פארעפנטליכן מיר דא א ווארענונג, אז אויב דער הולך בערכאות מ.ש. אדער די אנדערע וואס שטייען אים צוהילף, וועלן וייטער פארזעצן זייער הליכה לערכאות איבער דעם סכסוך, אן צו שיקן דריי הזמנות לדין תורה פאר אלע חברי הנהלה און אן באקומען א רשות בית דין, וועלן די אלע הולכים בערכאות פארלירן זייער זכות חבר בקהלתינו הקדושה, אריינגערעכנט די זכותים אויף לאחר מאה ועשרים שנה אין אונזערע בתי חיים, סיי די הולכים בערכאות און סיי זייערע פאמיליע מיטגלידער.

די ווארענונג איז אין איינקלאנג מיט די פארשריפטן פון די שטאטוטן, אז ווער עס גייט שליכטן א סכסוך בערכאות עכו״ם און נישט ביי א בית דין כשר בישראל, האט נישט קיין זכות חבר אין קהלתינו הקדושה.

ולמזהיר ולנזהר שלומים תן כמי נהר.

יום ד׳ לסדר "יתנו לי אחוזת קבר" (חיי שרה), תשס״ט לפ״ק.

**הנהלת הקהלה**

RABBINI'AL COURT
EVEN HAMISHPOT
P.O.Box 745
Monsey N.Y. 10952

בית דין צדק
אבן המשפט
מאנסי נ.י.

Tel: 845-426-2720 * Fax: 845-426-2684

בס״ד

בנוגע להסכסוך שבין הצדדים חברי הוועד מוסדות בארא פארק סאטמאר, הוחלט ע״י הבי״ד שהצדדים יחתמו שטרי בירורין ע״פ תנאים דלהלן:

א) כל צד יבחר לו בורר.

ב) הוסכם שהשליש יהי׳ הרה״ג מרדכי באב״ד שליט״א.

ג) הבי״ד ישבו לדיונים לכל הפחות 4 פעמים בחודש. ובי הצדדים, והטו״ר שלהם, הבורר״כ, והשליש יחייבו עצמם לזה. אם בחודש אחד יחסר מספר הישיבות, ישלימו בחודש השני.

ד) הדוי״ד הוא רק בנוגע למוסדות בבארא פארק. הנוסח של השטרי בירורין יהי׳ באופן זה:

הנידון: למי זכות הנהלת והגזבריות, ומי הם הבעלים, של מוסדות U.T.A. Boro Park.

ה) בנוגע העיקול. שיצא מלפני הבי״ד המזמינים, והעיקול בערכאות -- ישאר המצב כמו שה א עכשיו, עד שיחתמו הצדדים שט״ב, והבי״ד היושבים על מדון יחליטו, האם צד של מו״ה אהרן וועלץ ני׳ חייבים לקבל על עצמם העיקול בבי״ד ובערכאות כמו שדורש צד מו״ה מנדל שווימער ני׳ או באופן אחר, או שהבי״ד יחייבו את צד רמ״ש לבטלו.

יום ט״ו לחודש אדר א׳ תשס״ח

בשם הבית דין,

משה שלמה גביוף

דיין

Cong. Yetev Lev D'Satmar

קהל יטב לב ד'סאטמאר

163 Rodney Street • Brooklyn NY 11211 • Tel. 718-302-6720 • Fax. 718-486-2473

# רעזאלוציעס

פון די אסיפה כללית בביהמ"ד הגדול דקהל יטב לב ד'סאטמאר בארא פארק

## ביום ה' פר' ויגש תשס"ט

## (למס' Jan. 1 '09)

שנכרזו במעמד קהל רב, חברי הקהלה והורי תלמידי המוסדות,
בהורמנותא של המרא דאתרא כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א ובנוכחתו
של כ"ק הגה"צ אבד"ק סאטמאר ב"פ שליט"א,
וכבוד הרבנים הגאונים הצדיקים מורי צדק של קהלתינו הק' שליט"א

ע"י הגה"ח מו"ה **מרדכי שבתי מאַרקאָוויטש** הי"ו
גבאי נאמן בית מדרשינו הגדול וחבר הנהלת המוסדות

**איך וועל פארלייגן די רעזאָלוציעס פון די אסיפה.**

**א. מענדל שווימער מוז תיכף ומיד אַרויסגיין פון ערכאות של עכו"ם בלי שום טענה ומענה.**

**ב. אויב איינער האָט אַ טענה צו די הנהלת המוסדות, זענען מיר גרייט זיך צו שטעלן צו דין תורה אַזוי ווי די תורה הק' פאַרלאַנגט, ביי יעדן בית דין כשר בישראל, אָדער זה בורר לו אחד [זבל"א]. איך קען עדות זאָגן, אַז אין די פאַרגאַנגענהייט איז ר' אהרן וועלץ הי"ו געגאַנגען, איך בין אויך מיטגעגאַנגען, מ'האָמיר שוין געהאַט דין תורות, מ'האָמיר אַזוי ווייט נאָכגעגעבן אז יענער צד זאָל אַליין אויסוועלן אַלע דריי דיינים, און מ'האָמיר געפאָלגט וואָס די דין תורה האָט גע'פסק'נט. ר' אהרן הי"ו האָט קיינמאָל נישט מסרב געווען צו דין תורה.**

**ג. די הנהלת הקהלה וועט טאָן אַלעס אויף דער וועלט על פי תורה אָפצושטעלן די הליכה בערכאות שלא ברשות בית דין. ווי אויך רופן מיר צו יעדן איינעם בלי שום יוצא מן הכלל, ווער ס'האָט אַן השפעה אויף די הולכי ערכאות, זאָל משפיע זיין אַז זיי זאָלן תיכף ומיד אַרויסגיין פון ערכאות של עכו"ם און זיך שטעלן צו דין תורה אַזוי ווי מיר זענען מחויב על פי שו"ע.**

**ד. מענדל שווימער איז אויסגעשלאָסן פון די קהילה. ער פאַרלירט אַלע זכותים וואָס קהל שטעלט צו פאַר אירע מעמבער, אַריינגערעכנט דער זכות קבורה אין בית החיים שע"י קהלתינו הק'. ווי אויך קען ער מער קיינמאָל נישט האָבן קיין פאָזיציע אין די הנהלת הקהלה והמוסדות. דאָס איז אין איינקלאַנג מיט די שטאַטוטן, ווי אויך על פי הוראת דייני קהלתינו הק', ווי אויך בהסכמת מרא דאתרא פון אונזער קהילה דער רב שליט"א, ווי אויך פון כבוד קדושת רבינו שליט"א.**

**דאָס אַלעס איז באַשטימט געוואָרן ביי די האַנט נאַכטיגע "גענעראַל פאַרזאַמלונג". דאָס ווערט איינשטימיג אָנגענומען.**

## דרשת יושב ראש האסיפה כללית
## הגאון החסיד המפורסם
# מו"ה מרדכי שבתי מאַרקאָוויטש הי"ו
## גבאי נאמן בית מדרשינו הגדול וחבר הנהלת המוסדות

ברוכים הבאים. ליידער איז "עת לעשות לה' הפרו תורתיך", ווער ס'האָט געהערט דעם רבי'ן זי"ע'ס שובבי"ם תורות, ער פלעגט זאגן, ס'איז "עת לעשות לה'", טאָמער "הפרו תורתיך", טאָמער מ'טוט חס ושלום מפיר זיין די תורה, מוז מען זיך צוזאַמנעמען, און יעצט איז "עת לעשות לה'".

איך וועל נאָכאַמאָל נאָכזאָגן, ס'איז אַ דבר פשוט, נאָר דער עולם לערנט דאָך שו"ע אורח חיים, חושן משפט איז נישט אַזוי איינגעפירט צו לערנען. אין סימן כ"ו שטייט, "אסור לדון בפני דייני עכו"ם ובערכאות שלהם אפילו בדין שדנים כדיני ישראל, אפילו נתרצו ב' בעלי דינים לדון בפניהם אסור," זאָגט דער מחבר, דער בית יוסף, "וכל הבא לידון לפניהם הרי זה רשע וכאילו חירף וגידף והרים יד בתורת משה רבינו ע"ה." אין גאַנץ אורח חיים אין ערגעץ איז נישטאָ אַזאַ שאַרפער לשון. זאָגט דער רמ"א, איך לאָז אויס אַביסל, "וכן מחרימין המחזיק ביד ההולך לפני עכו"ם," אפילו דער וואָס איז מחזיק, דער וואָס העלפט צו, דעם איז מען אויך מחרים, ער האָט פונקט אַזאַ דין רשעות ווי דער אַליין, און כ'האָב נאָכגעזאָגט דעם ביאור הגר"א, דער ביאור הגר"א זאָגט - פשטות נעמט זיך דאָס, אַלע זאָגן, פון "ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם" ולא לפני עכו"ם - זאָגט אָבער צו דער ביאור הגר"א ס'איז דאָ אַ פסוק אין האזינו "כי לא כצורֵנוּ צורָם ואויבינו פלילים," זאָגט דער גר"א, דער וואָס גייט פאַר ערכאות איז כי לא כצורנו צורם, ער איז כופר אין השי"ת.

מיר רעדן דאָ פון ר' מענדל שווימער. ער איז אונז געווען אַ גוטער פריינט און מיר ווילן אים נישט מבזה זיין, נאָר מ'מוז מיר מבזה זיין, נאָר ווייל מ'האַלט אַז דאָס וועט העלפן ער זאָל אַרויסגיין פון ערכאות וואָס דאָס איז אַן עבירה חמורה. ס'קען זיין ס'איז דאָ מענטשן וואָס האָבן אים איינגערעדט אַז דאָס איז אַ מצוה גדולה - אַ זאַך וואָס שטייט אין שו"ע אַ דבר פשוט אז ער איז אַ רשע און ער גלייבט נישט אין השי"ת, ווי קען זיין אַ מצוה?

האָט מען אים אפשר איינגערעדט אַז אַן עבירה מעג מען טאָן ווייל ס'איז אַ מצוה? מ'זאָגט נאָך פון בריסקער רב ז"ל, ס'שטייט אויפ'ן באַשעפער, "אשר לא ישא פנים ולא יקח שוחד," וואָס איז שייך דער אויבערשטער זאָל נעמען שוחד? ס'איז דאך לי הכסף ולי הזהב, דער באַשעפער ברויך שוחד? זאָגט דער בריסקער רב, מ'האָט אים אַמאָל עפּעס געוואָלט אַ הילף פון די ציונים, ער איז דאָך געווען מורא'דיג שאַרף, זאָגט ער, דער אויבערשטער נעמט נישט קיין שוחד אפילו דו טוסט אַ מצוה און דו ווילסט הילף פון אַן עבירה, דאָס הייסט ביים באַשעפער דאָס איז דער שוחד, מ'טאָר נישט.

מען זאָגט צדק צדק תרדוף, וואָס ברויך שטיין צוויי מאָל צדק צדק - אַז אפילו מיט'ן צדק מוזטו אויך אַלעמאָל אומגיין מיט צדק, מ'טאָר נישט טאָן אַזאַ עבירה פון חילול ד' פון כופר זיין אין השי"ת.

די מענטשן וואָס מענדל טוט וואָס זיי ווילן, זיי מיינען נישט דיין טובה נאָר זייער טובה. דו ביסט אחראי, דו שרייבסט אונטער, דו ביסט דער מחלל ד', וואָס דאָס איז אַ מורא'דיגער איסור. איך האָב מורא מיר זענען בעסערע פריינט פאַר דיר ווי זיי. בעטן מיר דיך ברחמים, ציה צוריק, טאָמער דו גייסט אין ערכאות ביסטו ממש כופר אין השי"ת, ס'איז נישטאָ קיין צוויי וועגן.

אגב אורחא, וויל איך מוחה זיין אויף ארץ ישראל אויך. מ'גייט צום בג"ץ, וואָס דאָס ווייסט מען אַז ס'איז ערגער פון בחירות. ס'איז פשוט אַ חרפה פאַר אונז אַז סאַטמאַר טוט אַזעלכע עבירות, ערכאות און בג"ץ, ס'איז שוין באַלד ווי איינער זאָגט, מ'האָט מיר געזאָגט - איך בין נאָך קיינמאָל נישט געווען אין ארץ ישראל - ס'איז דאָ אַ "דיסקין ישיבה", וואו מ'נעמט געלט פון די מדינה. ווער ווייסט נישט ווער הגה"ק רבי יושע לייב דיסקין זצוק"ל איז געווען, דער טאָוול שטייט. האט איינער געזאגט: "ווען רבי יושע לייב דיסקין וואָלט אויפגעשטאַנען תחיית המתים וואָלט ער נישט אַריינגעטרעטן אין דעם מוסד".

ליידער מ'האַלט מיר שוין באַלד דאָרט ביי אונז, זיי רופן זיך "סאַטמאַר" און מ'גייט אין ערכאות און מ'גייט אין בג"ץ, ס'איז פשוט אַ חרפה און אַ בושה אַז מ'קען זיך רופן סאַטמאַר, מ'ברויך שוין שטעלן אַ טאָוול "המכונה בשם סאַטמאַר".

יעצט וועל איך אויפרופן הרה"ג רבי אנשיל גרובער, ער האָט מיטגעהאַלטן די גאַנצע זאַך, ער וועט מסביר זיין אַז אפילו דער בית דין פון מאָנסי האָט דאָס ערשטע מאָל אויך נישט מתיר געווען אין ערכאות נאָר אַן עיקול, און אַן עיקול האָט אויך נישט קיין פשט, אַן עיקול איז נאָר אַז מען זאָל זיך שטעלן צו דין תורה, אַז מען האַלט זיך נישט ביים שטעלן צו דין תורה - איך אַליין האָב געמאַכט אַ בית דין פון חמש, זיי האָבן מסכים געווען, ס'איז געקומען דערצו זענען זיי געגאַנגען צו ערכאות, זיי האָבן גאָרנישט, דער פינפטער איז נישטאָ, דער דריטער איז נישטאָ, זיי האַלטן נישט ביים גיין צו דין תורה. ס'קען זיין זיי האָבן מורא צו גיין צום בית דין ווייל מ'וועט אַריינשלעפן וויליאַמסבורג, ער וועט ווערן אויס רבי, נו וואָס זאָל איך טאָן, אָבער מ'טאָר דאָך נישט גיין, בעסער שווייג שטיל, זיץ אינדערהיים, מ'טאָר נישט גיין אין ערכאות. - רבי אנשיל זאל אַרויפקומען און זאָגן.

### בסיום האסיפה:

איך וויל דאָ צושטעלן אַן אָנמערקונג, איך ווייס איך וועל ליידן דערפון. מיר האָבן דאָ אַ [ביהמ"ד פאַר] אברכים, הרה"ג רבי אלעזר הורוויץ שליט"א שטייט דארט בראש, איך האַלט ווען ער וואָלט עס גענומען אין די הענט אַריין וואָלט ר' מענדל שווימער אַרויס פון ערכאות. אפילו מענדל שווימער וועט אים נישט פאָלגן, אָבער מענדל שווימער קען נישט ליינען די [פּאַפּירן פון] ערכאות, ס'איז דאָ צוויי-דריי מענטשן, איך קען אים זאָגן און ער ווייסט אַליין ווער ס'שטייט אונטער דעם, ער קומט אַריין צו אים אין ביהמ"ד, און ער איז מחויב, איך פאַרלאַנג פון אים אַז ער זאָל דאָס טאָן. איך האָב אים געהערט אַזוי שטורעמען קעגן ערכאות ביי א שבע ברכות ווען אונז זעמיר געווען אין ערכאות און יעצט איז ער שטיל. איך פאַרלאַנג פון אים, ער איז מיר אַ גוטער פריינט, איך האָב געשיקט די קינדער צו אים פרעגן. - ער האט געזאגט אַ תירוץ אז מענדל שווימער וועט אים נישט פאָלגן. שטעל איין. איך זאָג דיר ער וועט דיך יאָ פאָלגן.

איך וויל נאָך אַ זאַך צוזאָגן, אַז איך אַליין האָב ב"ה מצליח געווען נאָך אַלעמאָל, מיר האָבן דאָ געהאַט פּראָבלעמען מיט הולכי ערכאות, איך האָב מיך איינגעשטעלט, איך האָב מיך געקויפט שונאים, לעצטנס האָב איך מיר גאָר געקויפט אַ שונא, ער איז געגאַנגען אין ערכאות, איך האָב אים געצוואונגען, און אַזאַ מעשה אַז אַ קהילה גייט אין ערכאות שוואַכט עס אָפּ, מ'קען עס מער נישט טאָן.

ב"ה מ'וועט נישט טרעפן דאָ איינעם אין בית המדרש וואָס איז געגאַנגען אין ערכאות, ווייל מ'האָט זיך איינגעשטעלט. איינער איז טאַקע אַוועקגעגאַנגען דאַווענען. מ'בעט מיר ווער ס'קען מענדל שווימער, מ'מעג שרייען, הזאת נעמי? דאָס איז סאַטמאַר? זאָגן אַז ער מוז אַרויסגיין פון ערכאות, מ'וועט אַזוי לאַנג שרייען און דער אויבערשטער וועט אונז העלפן אַז מיר וועלן מצליח זיין.

מיט דעם איז געשלאָסן די היינט-נאַכטיגע "גענעראַל פאַרזאַמלונג". דער אויבערשטער זאָל העלפן אַז די אַלע הולכים בערכאות של עכו"ם זאָלן שוין תשובה טאָן און אַרויסגיין פון ערכאות און זיך שטעלן צו דין תורה ווי די הייליגע תורה פאַרלאַנגט, און כבוד קדושת רבינו שליט"א וועט אונז פירן קעגן משיח צדקינו אמן.

# מסור והולך בערכאות פולקאָם אויסגעשלאָסן פון חבר הקהלה

צוליב דעם חומר העון פון הליכה לערכאות של עכו"ם, האט דער יו"ר מו"ה מרדכי שבתי מארקאוויטש הי"ו, ביים שלוס פון די "גענעראל פארזאמלונג", פראקלאמירט די "רעזולוציעס" פון די "גענעראל פארזאמלונג", בהסכמת כל הדעות, איינשטימיג און קלאר, אין איינקלאַנג מיט די שטאַטוטן, ווי אויך על פי הוראת דייני הקהלה הק', בנוכחותו פונעם מרא דאתרא דער רב שליט"א, ובהסכמת כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א.

די הויכפונקט פון די רעזאלוציעס לויטן, אז די הנהלת המוסדות איז גרייט זיך צו שטעלן צו דין תורה ווי די תורה הק' פאַרלאַנגט, ביי יעדן בי"ד בישראל אָדער בזבל"א.

לעומת זה, האט די פארזאמלונג אנגענומען אן איינשטימיגן רעזאלוציע, אז דער מסור והולך בערכאות מענדל שווימער פון ב"פ ווערט אויסגעשלאָסן פון די קהילה; ער פאַרלירט אַלע זכותים וואָס קהל שטעלט צו פאַר אירע מעמבער, אַריינגערעכנט דער זכות קבורה אין בית החיים שע"י קהלתינו הק'. ווי אויך קען ער מער קיינמאָל נישט האָבן קיין פּאָזיציע אין די הנהלת הקהלה והמוסדות.

ליידער ווער דער נאמען פונעם הולך בערכאות פארבלייבן לחרפה ולדראון עולם, אלס דער גרויסער מחלל שם שמים, און הולך בערכאות של עכו"ם, ומרים יד בתורת משה רבינו ע"ה.

דרשת הרב הגאון המהולל

# מו"ה אנשיל גרובער הי"ו

טוען רבני בעיר מאנסי יצ"ו

## השתלשלות הדברים

ברשות דעם רב שליט"א, הרבנים הגאונים שליט"א, די דיינים, ברשות כל הקהל הקודש.

אַזוי ווי איך האָב מיטגעהאַלטן די לעצטע שוין באַלד דריי יאָר די גאַנצע השתלשלות הדברים, שפּיר איך אַ חוב מיטצוטיילן מיט'ן עולם וואָס מיר זענען אַלץ דורך, ר' אהרן [וועלץ] מיט ר' ברוך מרדכי [גאלדבערגער] מיט איך, מיט די אַלע וואָס האָבן צוגעהאָלפן, וואָס מיר זענען דורך די פּרטי הדברים. בעפאר איך בין מסביר די השתלשלות הדברים, מוז מען פאַרשטיין דאָ אַ פּאָר יסודות, דער מהלך פון דין תורות, מ'זאָל פאַרשטיין וואָס איז געווען די שקלא וטריא דער משא ומתן.

אַ דין תורה הייַנט באַשטייט געוועגליך פון צוויי חלקים און געוועגליך באַשטייט עס פון צוויי בתי דינים. ס'איז דאָ אַ בית דין המזמינים, דאָס מיינט אַז זיי שיקן אַרויס די הזמנות, זיי מאַכן אָפּ וועלכע בית דין מ'זאָל גיין, אַז ראובן וויל גיין אין איין בית דין שמעון וויל גיין אין אנדערן בית דין, זאָגן זיי וועלכע בית דין מ'זאָל בוחר זיין. חוץ מזה, אַז ראובן וויל אַן עיקול און שמעון זאָגט אַז נישט, זענען זיי דן אויפ'ן עיקול, זיי זענען דן צי יענער איז אַ מסרב, צי מ'מעג גיין בערכאות, בקיצור, דער בית דין המזמינים גיט זיך אָפּ מיט דין תורות ביז מען חתמ'עט שטרי בירורין, די גאַנצע ווי מ'זאָגט אויף ענגליש פּראָסידזשער ביז ס'קומט אָן צו דעם בית דין המדיינים וואָס מ'שרייבט אונטער שטרי בירורין, און דעמאָלט נעמט דער בית דין המדיינים איבער.

## בתי דין בישראל

ס'איז אָבער דאָ דריי סוג בתי דינים ביי כלל ישראל. אין שלחן ערוך שטייט אַ בית דין. אַ בית דין מיינט אַז אַ געוועהלטע קהל איז ממנה דיינים, אַ קביעות'דיגער בית דין, וואָס דאָס האָט אַ דין פון א בית דין קבוע וואָס ווען עס שטייט אין שלחן ערוך בית דין, געוועגליך - צו שטעלן אפּטרופּסים פאַר יתומים, וואָס זאָל נישט זיין - מיינט דאָס אַ בית דין.

חוץ מזה איז דאָ אַ בית דין וואָס ענדלט, אַזוי ווי היינט, וואָס טייטש, ס'איז דאָ אַ ציבור'שער מוסד, געוועגליך אַ מוסד וואָס סערווירט דעם עולם, אַ כולל האַלטן זיי אויס, אַ בית המדרש, אַ בית הוראה, השגחות, איז אַ חלק פון די סערוויסעס וואָס זיי געבן איז אויך דין תורות, ובכלל זה די התאחדות הרבנים, מכון להוראה, טאַרטיקוב.

חוץ מזה איז דאָ אַ דריטער סוג בתי דינים, דאָס איז יחידים וואָס האָבן געלערנט צען-צוואָנציג יאָר חושן משפּט און זיי דארפן זוכן פּרנסה, אַזוי ווי יעדער יונגערמאַן וואָס גייט ארויס זוכן פּרנסה קוקט ער וואָס פּאַסט אים דאָס בעסטע, ער איז אַ מבין אין קאָנסטראָקשען גייט ער אין קאָנסטראָקשען, אינשורענס, מאָרגעדזשעס. די אידן, אַזוי ווי זיי קענען חושן משפּט, שפּירן זיי אז פאַר זייער געשעפט איז בעסער זיי זאָלן אַרייַנגיין אין א חושן משפּט ביזנעס.

איך וויל נאָר זאָגן אַ ווערטל, כ'האָב אַמאָל גערעדט מיט אַ איד, האָט ער מיר געפרעגט וואָס קאָסט זבל"א אַ שעה. איך האָב אים געזאָגט דער שליש נעמט 250$ דאָלער, דער בורר נעמט 250$ דאָלער, דער טוען נעמט 250$ דאָלער, זאָגט ער מיר אַ שאָד אַ שאָד, זיין טאַטע האָט אַרייַנגעלייגט אַ סך כוחות אַז ער זאָל זיין אַ תלמיד חכם, ער האָט אים געדונגען פּרייוועט רבי'ס, ער האָט אים געגעבן מתנות, ער האָט אים געשלאָגן, זאָגט ער, ווען מיין טאַטע זאָל מיר זאָגן אַז דו וועסט לערנען וועסטו מאַכן 250$ דאָלער אַ שעה, זאָגט ער, וואָלט דאָך געווען לא פסיק פּומי' מגירסא, פאַרוואָס האָט ער מיר דאָס נישט פאַרציילט אין די יוגנט?

בנוגע בתי דינים וואָס זענען מדיינים איז, זיי זענען דן פּונקט אַזויווי די קביעות'דיגע בתי דינים, ווי די ציבור'ישע בתי דינים, אָבער ווען ס'קומט צו דעם בית דין המזמינים האָבן זיי געוועגליך אַנדערע פּאַליסיס; דאָס טייטש, די ציבור'ישע מוסדות, ווי מיר האָבן געזאָגט מכון להוראה, התאחדות הרבנים, מיט טאַרטיקוב, האָבן די זעלבע כללים בנוגע ביז צו די דין תורה; די יחידים האָבן אַ סך אַנדערע זאַכן וואָס איז נישט דער זעלבער מהלך ווי די אָנגענומענע בתי דינים וואָס רוב ציבור גייט. ס'איז דאָ פאַרשידענע סיבות, קען זיין ער מיינט ס'איז לשמה, און ס'איז אַ פּשוט'ע זאַך אַז געוועגליך גייען דאָך מענטשן צו דעם שטראָם וואו מ'גייט צו די געהעריגע בתי דינים, און טאָמער וויל ער אַז אַנדערע מענטשן זאָלן קומען מוז ער דאָך צושטעלן געוויסע ווי מ'זאָגט ספּעשילייזן אין אַ געוויסע סערוויס, ממילא טוען זיי געוויסע זאַכן, האָבן זיי אַנדערע פּאַליסיס ווי די אָנגענומענע בתי דינים.

למשל ווען מ'דינגט זיך אויף וועלכן בית דין צו גיין איז דאָ דער באַוואוסטער מאמר חז"ל וואָס דער עולם נוצט - וואס בעצם אין ש"ס שטייט עס נישט, אין שלחן ערוך אויך נישט - "התובע הולך אחר הנתבע", און ס'איז דאָ שאלות-ותשובות ספרים וואָס ברענגען עס אַראָפּ, ספרד'ישע שאלות-ותשובות ספרים. אין שלחן ערוך שטייט ווען ראובן קריגט זיך מיט שמעון צו וועלכן בית דין צו גיין, איז גייט מען בזבל"א, ראובן וועהלט אויס אַ בורר, שמעון וועהלט אויס אַ בורר, און די צוויי בוררים וועהלן אויס אַ דריטן, דאָס איז דער וועג וואָס שטייט אין שלחן ערוך. ס'איז געווען אסיפות פון די אַלע בתי דינים וואָס מיר האָבן אויסגערעכנט, אַזוי ווי זבל"א קאָסט היינט אַ סך געלט איז דאָ אַ פּאַליסי פון בתי דינים אַז ווען אַ תובע שיקט אַ הזמנה פאַר אַ נתבע, דאַרף ער ענטפערן ער וויל געבן אַן אויסוואַל פון דריי בתי דינים. טאָמער גיט ער אַן אויסוואַל פון דריי בתי דינים, זאָגט בית דין ער האָט יוצא געווען ידי חובתו.

די פּריוואַטע חושן משפּט דיינים נעמען יעדן קעיס עקסטער און זענען דן כפי ראות עיניהם, און וואָס טוט אַ איד וואָס ער וויל יאָ גיין מיט דעם אָנגענומענעם מהלך פון די אָנגענומענע בתי דינים, איז דאָ איין וועג, ער גייט צו אַ בית דין וואָס איז אַ ציבור'ישער בית דין און ער זאָגט איך בין גרייט צו קומען צו אייך, זאָגט אים בית דין איר מוזט דאָך אונטערשרייבן שטרי בירורין, איינמאָל ער האָט אונטערגעשריבן שטרי בירורין ביי דעם ציבור'ישן בית דין, גיט אים דער בית דין אַרויס אַ צעטל ביזט געווען ביי מיר, האָסט אונטערגעשריבן שטרי בירורין, און דאָס איז ווי אַ מעסעדזש פאַר'ן אַנדערן בית דין יעצט ליגט דער קעיס ביי מיר, לאָז אָפּ. איז דאָס אַזאַ פאַרשטענדליכע זאַך אָנגענומען ביי בתי דינים, אַז מ'חתמ'עט ביי אַן אַנדערן בית דין און ער גיט נאָך אַן אויסוואַל פון דריי, לאָזט זיך דער בית דין אָפּ, דאָס איז דער מהלך.

## עיקול והליכה לערכאות ברשות בית דין

און בנוגע עיקול'ען איז דאָ בתי דינים וואָס געבן אינגאַנצן נישט אַרויס, גאָר שווער, די פּרייוועט בתי דינים געבן אַרויס זייער גרינג עיקול'ען און זייער ברייטע עיקל'ען. בנוגע הליכת ערכאות, דאָס איז אַ הלכה און מ'איז דן צי ס'איז יאָ דאָ אַ היתר בית דין צי ס'איז נישט דאָ קיין היתר בית דין. דער אמת אין שלחן-ערוך שטייט - ר' מרדכי שבתי [מארקאוויטש] האָט דאָ נאָכגעזאָגט דעם חומר העון - שטייט אָבער אויב יענער איז אַ גבר אלים און מ'קען נישט מוצא זיין בדיננו, זאָל מען גיין, יקח רשות מבית דין, און ער זאָל גיין בדיניהם אַרויסציען.

וואָס דער "יקח רשות מבית דין" איז בעצם, איז אַ מחלוקת הראשונים צי ס'פעלט בכלל אויס, דער עיקר איז תלוי צי ער איז אַ גבר אלים, אַז מען קען נישט בדיננו גייט מען בדיניהם. דער טעם פאַרוואָס מען זאָל גיין צו בית דין, דער ים של שלמה זאָגט ס'איז אַ תקנה פון בתי דינים, ס'ווערט אַראָפּגעברענגט ס'איז והייתם נקיים, דאָס טייטש ס'איז אַ לכתחילה.

מ'זאָגט אַ משל אַזוי ווי יעדער פאַרשטייט אַז נבילה אפילו ס'האָט אַ הכשר, מ'האָט פאַרקויפט אין מאָנסי נבילה מיט אַ הכשר, ס'איז נאָכנישט געוואָרן מותר ווייל ס'איז געווען רבנים וואָס האָבן געזאָגט ס'איז כשר, דער פאַקט איז אַז ס'איז נישט כשר, איז עס נישט כשר. אויב די פלייש איז יאָ כשר, דאַרף מען גיין בעטן אַ הכשר פון אַ בית דין צו זאָגן יאָ, דאָס איז טאַקע כשר. איז דער עיקר זאַך וואָס ווענדט זיך, אויב אַ איד איז גרייט צו גיין צו דין תורה איז נישטאָ קיין היתר, בית דין קען נישט מתיר זיין קיין איסורים, אויב איז יענער אַ גבר אלים און ער דאַרף סיי ווי גיין, מ'קען סיי ווי גיין אין ערכאות, איז אַ לכתחילה מען זאָל גיין נעמען אַ היתר בית דין. דאָס איז בכלליות דער מהלך וואָס איז נוגע בתי דינים, און לאור זה וויל איך פאַרציילן וואָס האָט זיך דאָ געטאָן.

## חודש אייר תשס"ו

ס'איז געווען אינמיטן אייר תשס"ו, ר' אהרן וועלץ הי"ו האָט מיר אָנגעקלאָלט ער האָט באַקומען אַן הזמנה מיט גאָר אַ שאַרפן עיקול פון אַ בית דין אונטערגעשריבן רבי משה גביוף, און דאָרט קוקט אויס פונעם עיקול אַז דאָ רעדט מען פון אַ גנב וואָס האָט זיך אַרייַנגעריסן אין אַ פּלאַץ און ער פּזר'ט געלט. ס'איז געווען זייער אַ שאַרפער עיקול, האָב איך געזאָגט ר' אהרן וואַרט אַ מינוט, מ'האָמיר געמאַכט אַ טרי-וועי, איך קאָל אָן ר' משה, זאָג איך אים ר' משה איר ווייסט ר' אהרן איז שוין מנהל 30 יאָר און ס'האָט צו טאָן מיט די גרויסע פּאָליטיק פון סאַטמאַר? זאָגט ער איך האָב נישט געוואוסט, מ'האָט מיר גאָרנישט געזאָגט, ס'איז געקומען צוויי מענטשן כאילו זיי פירן אַ מוסד און ס'איז דאָ אַ איד ער הייסט ר' אהרן וועלץ ער האָט זיך אַרייַנגעכאַפּט און ער פּזר'ט געלט, האָט ער גראָד געטוישט דעם עיקול, מען קען זען, האָט ער געטוישט דעם עיקול אויף אַ סך מער אַ מצומצום'דיגן עיקול, מיר וועלן באַלד רעדן פון די לשונות וואָס ער האָט געשריבן.

פיין, דאָס איז געווען מיט'ן עיקול, ס'איז אָבער דאָך דאָ אַן הזמנה האָט מען דאָך געדאַרפט ענטפערן אויף די הזמנה. באמת וואָלט געווען צוויי אַנדערע תירוצים צו ענטפערן אויף די הזמנה, איין תירוץ וואָלט געדאַרפט זיין דער זעלבער תירוץ וואָס זיי האָבן געענטפערט אין וויליאַמסבורג, אַז ס'איז דאָ עפּעס תהלוכי הקהל און עפּעס אַז מען קען חושן משפּט ווייסט מען נאָכנישט פון די תהלוכי הקהל, כאילו דער חושן משפּט אַפּעלירט נישט צו זייער קהל, זיי שפּירן אַזוי, ממילא וואָלט מען געקענט ענטפערן די זעלבע זאַך, מען דאַרף קענען תהלוכי הקהל, אין באָראָ פּאַרק איז דאָ דריי דיינים פון די קהילה, זאָל מען גיין צו די קהילה, דער זעלבער תירוץ וואָס זיי האָבן געענטפערט אין וויליאַמסבורג.

## פרשת בית רביה"ק זי"ע בקרית יואל

ס'איז דאָ נאָך אַ בעסערער תירוץ וואָס מ'וואָלט געקענט ענטפערן, וואָס דאָס איז אַ מעשה שהי' פּאַר צען יאָר צוריק. קהל עצי חיים האָט איבערגעשריבן דאָס הויז, דעם רבי'ן זכרונו לברכה'ס הויז, דעם ברך משה, אין קרית יואל, האָט מען צוריקגעשריבן אויף קרית יואל. איז מען געקומען מכלומר'שט מיט אַ הזמנה פון רבי'ן אַז דער רבי איז תובע אַז מ'זאָל עס צוריקשטעלן אויף עצי חיים. איז מען געגאַנגען כדת וכדין, מיר האָבן גענומען אַ בורר הגאון רבי זלמן גרויז שליט"א, זיי האָבן גענומען דעם פּריימאַנער רב שליט"א, און די בוררים האָבן אויסגעוועלט הגאון רבי אברהם ברוך ראָזענבערג שליט"א.

מ'איז געקומען צו דין תורה וואָס איז געווען ביי רבי זלמן גרויז, איז דאָרט האָט פאַרטרעטן איז געקומען ר' ליפּא טייטלבוים מיט ר' משה פריעדמאַן און ר' חיים אלעזר עסטרייכער, פון אונזער צד איז געווען ר' דוד עקשטיין און איך. האָב מיר געזאָגט זייער פיין, מ'שרייבט אונטער שטרי בירורין, אָבער ס'איז דאָ תביעות נגדיות, היות וואָס דאָ איז דאָ אַ גרויסע מחלוקת אין סאַטמאַר, קענסטו נישט קומען בעטן פון מיר דאָרט וואו איך בין שטערקער ווען דו ווילסט מיר נישט געבן דאָרט וואו דו האָסט געכאַפּט.

בית דין איז געזיצן און מ'האָט דן געווען. די החלטה, דער חוות דעת פון בית דין איז געווען, אַז דאָס איז איין גרויסע מחלוקת, דאָס איז נישט קיין מחלוקה פון אַ דירה, ווייל מען קומען אויף גאַנץ סאַטמאַר קען מען קומען, מ'קען נישט כאַפּן אַ הויז, אין מאָנראָ יאָ גיין און אין וויליאַמסבורג נישט גיין צו דין תורה, ס'איז געווען אַ החלטה פון הגאון רבי אברהם ברוך [ראזענבערג שליט"א], ער איז אַ איד אַ יחיד מומחה און אַ מומחה לרבים און אַ חכם גדול און דאָס איז געווען זיין הסכמה.

## וויליאמסבורג און בארא פארק

בעצם וואָלט מען דאָס אויך דאָ געקענט ענטפערן, וועסט קומען מיט מיר אויף וויליאַמסבורג וועלן מיר גיין אויף באָראָ פּאַרק. ר' אהרן האָט דאָ געטאָן לפנים משורת הדין און ער האָט געענטפערט ביידע, סיי וואָס דער שלחן ערוך זאָגט אַז ער איז גרייט צו גיין בזבל"א, און סיי וואָס די תקנות הבתי דינים לעצטנס איז, אַז מ'זאָל געבן דריי בתי דינים. האָט ער געגעבן מכון להוראה, התאחדות הרבנים און טאַרטיקוב, האָבן זיי געזאָגט אַז זיי ווילן מכון להוראה אָן רבי אברהם ברוך ראָזענבערג, און מיר האָבן געוואָלט פּאַרקערט, ס'קען זיין אַז אויב איינער וואָס איז דירעקט אַ חכם גדול, קוקט מען אַריין אין שלחן ערוך אַ מומחה לרבים קען גאָר זיין אַז מען האָט אַ זכות אַז מען קען דוקא אים תובע זיין, עכ"פ מ'קען נישט אַוועקנעמען אַ זכות וואָס אונז האָמיר, און ס'איז פאַרשטענדליך פאַרוואָס זיי האָבן נישט געוואָלט רבי אברהם ברוך, ווייל רבי אברהם ברוך האָט דאָך שוין גע'פּסק'נט אַז מ'מוז גיין אויף גאַנץ סאַטמאַר צו דין תורה. ער וויל נאָר גיין צו דין תורה דאָרט וואו ער איז שוואַך, וואו ער האָט געכאַפּט וויל ער נישט גיין צו דין תורה, האָט מען אַריינגעגעבן דעם תירוץ פאַר ר' משה גביוף'ס בית דין.

זיי האָבן גע'טענה'ט אַז אונזער בורר רבי זלמן גרויז האָבן זיי קודם געדונגען, האָט מען געקאָלט רבי זלמן און ער זאָגט ס'איז נישט אמת, האָט מען צוריקגעקאָלט דעם בית דין פון ר' משה גביוף און מ'האָט געזאָגט ס'איז דאָ אַ הלכה אין שלחן ערוך ווען אַן אַנדערער צד וויל פּסל'ען דעם בורר פון דעם צד דאַרף מען עדות, און דער איד זאָגט ס'איז נישט אמת, רבי זלמן זאָגט מ'האָט אים נישט געדונגען, ער איז אונזערס, פיין, האָט ער געשריבן דעמאָלט אַ צעטל, מ'קען זען ס'איז דאָ די אַלע צעטלעך, אַז ר' אהרן וועלץ האָט געענטפערט אַ תשובה הגונה ונכונה, דאָס טייטש דאָס איז אַזוי ווי כדין ולפנים משורת הדין, צי ס'איז זבל"א, צי ס'איז 3 בתי דינים, ס'קען נישט זיין בעסער, פיין אָבער וויבאַלד דער אַנדערער צד האָט נאָך אַ תביעה זיי האָבן טענות איז ביז דערווייל בלייבט דער עיקול אַזוי ווי ס'איז געווען. דאָס איז געווען ווי איינער זאָגט אַן החלטה פון אַ יחיד'ישן חושן משפּט געשעפט וואָס האָט אַזוי מחליט געווען.

## דער מנהל המוסדות חתמ'עט שטרי בירורין

איז די עצה פאַר דעם איז, מ'גייט צו אַן אָנגענומענע בית דין, דאָס טייטש, אַן אָנגענומענע מיין איך מער וואָס רוב עולם גייט, איז מען געגאַנגען צו טאַרטיקוב און טאַרטיקוב האָט טאַקע אַרויסגעגעבן אַ צעטל אַז ר' אהרן איז געווען אין טאַרטיקוב און ער האָט גע'חתמ'עט, וואָס אין דין תורה לשון מיינט דאָס אַז דער עיקול איז בטל. אַן עיקול האַלט מען צוויי-דריי טעג ווילאַנג יענער זאָגט אַז ער וויל גיין צו דין תורה, און ס'שטייט טאַקע אין דעם עיקול אַז דער עיקול איז נאָר פעליג עַד ביז מ'וועט חתמ'ענען שטרי בירורין און דער בית דין וועט שוין דן צי מ'זאָל ממשיך זיין דעם עיקול צי נישט. איז געווען אַ שטאַרקע הבנה היות ווי ער האָט זיך געמאָלדן צו דעם בית דין פון טאַרטיקוב, איז נישטאָ קיין עיקול.

עם כל זה האָט ר' אהרן געפאָלגט דעם עיקול דעם גאַנצן וועג. ס'איז דאָ געוויסע פּרטים - אפשר וועל איך יאָ אַריינגיין און אפשר נישט - וואָס מ'דינגט זיך, אָבער מצדו האָט ער פאַרשטאַנען אַז ער האָט איינגעהאַלטן דעם עיקול, דאָס טייטש, אַז אפילו ער האָט געוואָלט גיין צו דין תורה און מ'האָט נישט געקענט האָבן דעם עיקול און ס'איז אַראָפּ, מיט'ן חתמ'ענען די שטרי בירורין איז אַראָפּ דער עיקול, עם כל זה האָט ער איינגעהאַלטן דעם עיקול כדת וכדין.

## עובר געווען אויפן עיקול בי"ד המזמינים

שפּעטער איז געוואָרן מ'איז אַריין אין העכערן קאָורט, האָבן זיי אַרויסגענומען געוויסע סעיפים, למשל ערשט אין די לאָוער קאָורט איז געווען אַ סעיף אַז טאָמער מ'גייט צו דין תורה גייט מען אַרויס פון קאָורט, דאָס האָבן זיי אַרויסגענומען פון די העכערע קאָורט, פון די אַפּעלעט קאָורט, איז בערך אדר תשס"ח איז מען אַראָפּגעגאַנגען צו דעם בית דין פון ר' משה גביוף און מ'האָט געזאָגט קוק אַהער, זיי האָבן געטוישט דעם נוסח און אפילו לויט ענקער היתר פון עיקול בערכאות - וואָס רוב בתי דינים האַלטן נישט אַז מען מעג מאַכן אַן עיקול בערכאות - לאָמיר שוין זאָגן לויט ענקער פּאַליסי, שטימט עס אויך נישט. האָט מען זיך דעמאָלט צוזאַמגעזעצט אויפ'ן כלליות'דיגן ענין און ס'איז אַרויסגעקומען אַזוי, ס'דאַרף זיין אַ בית דין של שלש - ס'האָט זייער ווי געטאָן פאַר ר' אהרן וועלץ, ווייל דער בית דין אַליין זיצט ביי אַן אַנדערע קהל'ישע דין תורה זיצט יאָ אַ בית דין של חמש, און בכלל אַלע, מ'וועט נאָכקוקן, אַלע קהל'ישע דין תורות צי ס'איז באָבוב אַלע קהילות איז אַ בית דין של חמש. ר' אהרן האָט אָנגענומען דעם פּרט - אויך דאָס אַז דער בורר זאָל זיין רבי זלמן גרויז האָבן זיי אונז נאָכגעגעבן. דער שליש זאָל זיין הגאון רבי מרדכי באַב"ד שליט"א, און ס'איז געבליבן אַז דער עיקול גייט בית דין דן זיין, אויב ר' אהרן וועלץ דאַרף אָננעמען אויף זיך אַן עיקול ביי דעם בית דין צי אַן עיקול בערכאות דאָס וועט שוין רבי מרדכי באַב"ד דן זיין, אַזוי איז געבליבן, דאָס איז געווען ט"ז אדר ב'.

## ביד"ץ טארטיקוב

ס'איז געווען ראש חודש אדר ב', האָט רבי מרדכי באַב"ד נאָכנישט באַקומען פון זיי קיין שטרי בירורין. זיי האָבן געזאָגט זיי האָבן משליש געווען ביי ר' משה גביוף'ס בית דין, אָבער רבי מרדכי באַב"ד האָט עס נישט באַקומען. לענין פאַרוואָס זאָג איך עס, ווייל איך האָב געקאָלט לעצטנס רבי מרדכי באַב"ד, כ'האָב אים געזאָגט זיי זאָגן זיי האָבן אונטערגעשריבן שטרי בירורין, אונז האָב מיר אויך אונטערגעשריבן שטרי בירורין, זענט איר דאָך דער ממונה, נעמט די זאַך אין די הענט אַריין, אין די שטרי בירורין שטייט אַז בית דין קען אפילו פּסק'ענען ווען איין צד קומט נישט - אָדער רוף זיי און פּסק'ען די דין תורה. זאָגט ער, דו זאָגסט מיר אַז ס'איז דאָ שטרי בירורין, איך האָב קיינמאָל נישט באַקומען קיין שטרי בירורין פון דעם אַנדערן צד. און אַזוי איז טאַקע געווען, רבי מרדכי באַב"ד האָט נאָך קיינמאָל נישט באַקומען קיין שטרי בירורין פונעם אַנדערן צד. זיי זאָגן אַז זיי האָבן מיר עס משליש געווען, אפילו יאָ איז דאָך עס נאָך אויך גאָרנישט ווערט, ווייל רבי מרדכי קען למעשה נישט פירן דעם בית דין, די דין תורה, אָן דעם וואָס ער האָט שטרי בירורין אין די הענט. וואָס מ'זאָגט אים דאָס איז נישט נוגע.

איז האָט ר' אהרן דעמאָלט געפרעגט הגאון רבי נפתלי מאיר באַב"ד שליט"א [אבד"ק טארטיקוב] וואָס ער זאָל טאָן, זאָגט ער אַזוי, אונטער'חתמ'ענען שטרי בירורין פאַר דער אַנדערער צד חתמ'עט אונטער איז דאָ איינמאָל וואָס מ'טוט עס, מ'זאָגט פאַר יענעם, ראובן זאָגט פאַר שמעון, גיי אַרויס פון ערכאות, זאָגט יענער איך וועל אַרויסגיין פון ערכאות און נאָכדעם ווערסטו נישט וועלן גיין צו דין תורה וועל איך נישט זיין אין קאָורט און נישט אין דין תורה, שרייב מיר אונטער שטרי בירורין אַז טאָמער דו גייסט אַרויס פון קאָורט איז דאָ שטרי בירורין. וואָס געשעט איז, אַז טאָמער האָט ער, אַז ער גייט אַרויס ווייסט ער אַז ער האָט כאָטש בית דין.

ר' אהרן האָט דעמאָלט משליש געווען ביי רבי מרדכי באַב"ד, ער האָט עס אים איבערגעגעבן מיט אַ פּערזענליכן שליח, און דאָס איז באַשטעטיגט, רבי מרדכי אַליין האָט עס מיר געזאָגט, אַז ער האָט די שטרי בירורין פון ר' אהרן וועלץ, אַז טאָמער גייען זיי אַרויס פון ערכאות, דאָס טייטש אַז זיי שרייבן דאָך אין זייער קאָמפּלעינט אויך אַז זיי גייען אַרויס פון ערכאות, און ס'איז דאָך אַ פּשוט'ע זאַך אַז מ'דאַרף אַרויסגיין פון ערכאות, איז דאָ שטרי בירורין, אין אַנדערע ווערטער ס'איז דאָ שטרי בירורין, זיי קענען קומען צו דין תורה ווען זיין ווילן, דאָס איז געווען און מ'האָט זיך נישט ווייסנדיג געמאַכט, ס'האָט זיי גאָרנישט געקימערט.

## חשון תשס"ט: דער מנהל המוסדות איז גרייט צו גיין צו דין תורה

יעצט ווען ס'איז געווען דער פּסק פון די אַפּעלעט

קאָורט אַז מען דאַרף פיילן אַ נייעם קעיס, איז דאָך טעכניש דער פשט אַז ס׳איז נישט דאָ קיין קאָורט-קעיס, האָב איך אָנגעקאָלט דעם בית דין פון אבן המשפט, איך האָב געזאָגט ס׳איז דאָך נישט דאָ קיין קאָורט-קעיס, איז דאָך דאָ שטרי בירורין, זע אַז זיי זאָלן קומען. האָבן זיי אָנגעהויבן צו שרייען דער אַנדערער צד מ׳האָט עובר געווען אויפ׳ן עיקול, זאָג איך, אונז האָב מיר נישט עובר געווען אויפ׳ן עיקול, האָט מציע געווען איינער פון די רבנים פון יענעם בית דין אַז ר׳ אהרן זאָל משליש זיין אַז טאָמער ביז נעקסטן דינסטאָג קומט ער נישט צו דין תורה איז חל אויף אים אַן עיקול.

אַזוי האָט ער געטאָן, אַזוי ווי יענער רב האָט געהייסן, און דאָס איז לפנים משורת הדין, אַזוי ווי מיר האָבן שוין כמה פעמים געזאָגט, ער האָט שוין גע׳חתמ׳עט שטרי בירורין ביי דעם בית דין, ביי טאַרטיקוב, און ביי רבי מרדכי באַב״ד האָט ער אונטערגעשריבן שטרי בירורין. האָט ער אונטערגעשריבן ס׳איז געווען דער עיקול אַז טאָמער קומט ער נישט ביז נעקסטן דינסטאָג צו דין תורה איז חל אויף אים אַן עיקול, און רבי מרדכי באַב״ד האָט באַשטעטיגט, אַז טאָמער איז ער נישט געקומען איז דאָ אַן עיקול.

מאָנטאָג פאַר דעם איז רבי מרדכי דאָ געווען ביי אַ דין תורה, ער איז געווען ביי מכון להוראה אין באָראָ פאַרק, איז ר׳ אהרן צוגעגאַנגען, זאָגט ער, איך בין גרייט צו קומען צו דין תורה, האָט אים רבי מרדכי געזאָגט ווי איינער זאָגט ברענג מיר שטרי בירורין [פונעם אַנדערן צד] וועט זיין אַ דין תורה, גוט איך הער ביזט געקומען.

שפעטער איז געקומען זיי האָבן פאַרפירט מ׳האָט עובר געווען אויפ׳ן עיקול, האָט אָנגעקאָלט אַן אַנדערער פונעם בית דין און ער האָט געזאָגט אַז מ׳זאָל אונטערשרייבן אַ אידישן עיקול, ס׳טייטש נישט אַ קאָורט עיקול נאָר אַן עיקול פאַר אַ בית דין. האָבן מיר געזאָגט בעצם איז דאָ איין פראָבלעם מיט׳ן עיקול, אין עיקול שטייט אַז מ׳טאָר נישט אַרויסוואַרפן קיין קינדער, איז אַז מ׳טאָר נישט אַרויסוואַרפן קיין קינדער נעמען זיך צוזאַם אַלע טאַטעס מאָרגן פון די צדדים, פון אַנדערן צד, און זיי צאָלן נישט קיין שכר לימוד און דער מוסד קען זיך פאַרמאַכן, אַז אַ מלמד קומט שפעט קענסטו מיך נישט אַרויסוואַרפן. האָט ער אויסגעבעסערט דעם עיקול אַז אויב ס׳איז נישט פאַר פאָליטיק, ווי איינער זאָגט טאָמער ער צאָלט נישט קיין שכר לימוד צי אַ מלמד טוט נישט זיין דזשאַב, קען מען יאָ אַרויסוואַרפן.

## געטוישט די מיינונג באישון לילה

פיין, מ׳האָט מסכים געווען, מ׳האָט געזאָגט יאָ, מ׳וועט אונטערשרייבן. זונטאָג צופרי קאָלט ער מיך אָן אַז דאָ איז געווען ר׳ חיים דוד כ״ץ מיט דעם אַנדערן צד, זיי זענען געזיצן מוצאי שבת ביז 3:00 אַזייגער און זיי האָבן געזאָגט וואָס זיי האָבן געזאָגט, ווילט עטס ענק פאַרענטפערן? זאָג איך יאָ, אונז וויל מיר זיך פאַרענטפערן, אָבער געוועגליך אַז ס׳קומען אַראָפּ צוויי צדדים צו אַ בית דין איז אַ סך מאָל אפילו אָן שטרי בירורין קען זיין אַז מ׳גיט אים אַ תוקף פון אַ בית דין, זאָג איך, אונז קום מיר, אונז וויל מיר זיך פאַרענטפערן, עטס זענטס ביי אונז חשוב, אָבער עטס זאָלטס וויסן אַז ס׳איז נישט בתורת בית דין, אונז קום מיר זיך פאַרענטפערן. בעצם דער עיקול דן זיין האָט איר שוין אַליין געשריבן אין ענקער פסק אין ט״ז אדר, אַז ס׳זאָל יאָ זיין אַן עיקול צי נישט איז רבי מרדכי באַב״ד דיין, וויל מען זיך פאַרענטפערן, גוט, זייער פיין, ס׳איז והייתם נקיים, זייער גערן. האָט ער געזאָגט ווייסט וואָס, אויב ווילט עטס נישט אָננעמען אונזער מיינוג, איז זיך בית דין מסלק, אונז זעמיר מסולק.

שפעטער מיטוואָך איז אָנגעקומען עפעס אַ בריוו אַז מען האָט מסלק געווען אין קאָורט - ווען מען האָט אַריינגעגעבן די פאַפּירן האָט מען מסלק געווען וואָס ס׳איז געשטאַנען ״העיקול בערכאות והעיקול בבית דין ישאר כמות שהוא״, האָט מען דאָס געפיילט און מ׳האָט עס טרענסלעיטעד, האָט יענער געשריבן ״ישאר כמות שהוא״ ״שוד רימעין סטאַטוס-קוואָ״. דאָס איז דער אָפּטייטש פון ״ישאר כמות שהוא״. זאָגט ער אַז בית דין האָט דאָס נישט געוואָלט. האָב איך געפרעגט בית דין דאָס איז די איינציגסטע, די אַלע קאָורט פאַפּירן וואָס זיי האָבן אַריינגעגעבן איז אַלעס אמת, דאָס איז דער איינציגסטער סילוף וואָס האָט דאָ פאַסירט? שוין, בית דין זיי האָבן געפילט פאַר וויכטיג עס אַריינצושרייבן, יהי כן, פיין.

## הדיינים שליט״א
## והנהלת המוסדות ביים בי״ד

שפעטער איז מען דאָך געוואויר געוואָרן אַז זיי האָבן אַריינגעגעבן נאָכדעם געהעריג ערכאות, די דיינים הגאון רבי משה פריעדמאַן שליט״א און הגאון רבי אפרים שמעון לייכטאג שליט״א, מיט ר׳ ברוך מרדכי און איך, זעמיר אַראָפּגעגאַנגען צום בית דין און מ׳האָמיר געפרעגט בית דין עטס האָטס דאָס מתיר געווען? זאָגן זיי ניין, דאָס איז ערכאות, אונז האָב מיר מתיר געווען אַן עיקול. האָט רבי אפרים שמעון געזאָגט אַז דעמאָלטס נו גיטס אַרויס אַ צעטל אַז דאָס איז נישט מיט ענקער היתר, האָבן זיי געענטפערט בתוך הדברים - ס׳איז געווען אַ גרויסער משא ומתן - דריי זאַכן, איינס, וואָס דאַרפן מיר אַרויסגעבן, אַז ס׳שטייט אונז האָב מיר נאָר מתיר געווען אַן עיקול און דאָס איז ערכאות, דאָס איז איינס מיט איינס, קען מען עס צוזאַמשטעלן.

צווייטנס - דאָס האָט איינער פון די רבנים געזאָגט - און אַז אונז וועל מיר נישט געבן קיין היתר וועלן זיין נישט גיין אין ערכאות? זיי זענען דאָך אין וויליאַמסבורג אין בית החיים אויך געגאַנגען אין ערכאות, איך זע נישט וואָס, אונז זעמיר אינגאַנצן נישט שולדיג.

דריטנס, האָט ער עפּעס פאַרלאַנגט אַז מען זאָל אונטערשרייבן אַן עיקול בערכאות. האָט מען געענטפערט גוט, אונז זעמיר גרייט צו שרייבן אַן עיקול בערכאות, אָבער אַזוי ווי עטס האָטס דאָך געזאָגט אַז דאָס דאַרף דן זיין רבי מרדכי באַב״ד, וועלן מיר משליש זיין דעם עיקול בערכאות ביי רבי מרדכי, טאָמער רבי מרדכי וועט הייסן עס אַרויסגעבן, קען ער עס פיילן, מיר האָבן נישט קיין שום פראָבלעם. דאָס האָט זיך געענדיגט, דאָס איז געווען די לעצטע השתלשלות הדברים וואָס איז געווען בנוגע בית דין.

דער רבי ז״ל פלעגט ענדיגן אַלץ די תורות, פלעגט ער זאָגן בהתרוממות קרן התורה וישראל ובהתגלות כבוד שמים. אַז אין שלחן ערוך שטייט אַז מ׳גייט בערכאות איז מען אַ מרים יד בתורת משה, דאָס איז זיכער נישט קיין התרוממות קרן התורה, און חירוף וגידוף מיינט זיכער נישט התגלות כבוד שמים, איז בעט מען אַז דער זכות טאַקע פונעם מייסד זאָל מגין זיין, ווי-נישט האָבן זיי געלערנט ביי אים אין ישיבה, זאָל ער מגין זיין אַז ס׳זאָל טאַקע זיין בהתרוממות קרן התורה וישראל בהתגלות כבוד שמים עלינו בב״א.

# דברי מחאה

### שהשמיע הגה״ח הנגיד המפורסם

### הרב חיים יהושע באב״ד שליט״א

**מייסד ונשיא בד״ץ וכולל טארטיקוב**

אצל סעודת הילולא של אביו כ״ק הגאון אבד״ק טארטיקוב זצ״ל

### שב״ק פר׳ ויגש תשס״ט לפ״ק

### בנוכחת אחיו הרבנים הגאונים הצדיקים שליט״א

עצור מילין בל אוכל. איבער די מעשה פון הליכה לערכאות של עכו״ם דא אין בארא פארק, וואו א יחיד האט געקלאגט היימישע אידן אין געריכט, אין די הנהלה פון מוסדות סאטמאר דא אין בארא פארק.

ס׳איז יעדן באקאנט וואס דער מחבר אין שו״ע פסק׳עט (חו״מ סי׳ כ״ו ס״א), כל הבא לידון בפניהם הרי זה רשע וכאילו חירף וגידף והרים יד בתורת משה רבינו ע״ה״. ס׳איז א חומר הלשון וואס מ׳טרעפט נישט ערגעץ אנדערש.

ווען דער טאטע ז״ל האט נאך געוואוינט אין וועסט-סייד, האט א איד, א מתפלל בבית מדרשו, גערופען א צווייטן איד אין גוי׳שן געריכט, האט דער טאטע ז״ל אים דאן ארויסגעווארפען פון ביהמ״ד, כאטש דער רב ז״ל האט זיך דאן נאך געמוטשעט מיט מנין. דאס איז א הרמת יד בתורת משה רבינו ע״ה און מעשה נבלה, איז ער ארויסגעקומען קעגן דעם מיטן גאנצן שארפקייט.

זיי פאררופען זיך גאר ״הנהגת התורה״? זיי זענען גאר די פרומע?, אויפן עירוב קען מען זיך נישט פארלאזן, ווייל די רבנים המתירים, וואס זענען אויסגערופענע גדולי תורה, קען מען זיך אויף זיי נישט פארלאזן, אבער אויף דעם ב״ד אין מאנסי קען מען זיך יא פארלאזן אויף אזא סענסעטיווער ענין פון ערכאות״?!

ס׳איז זיכער אז ווען דער טאטע ז״ל וואלט יעצט געלעבט וואלט ער געטון אלעס אויף דער וועלט אפצושטעלן די הליכה לערכאות, דאס איז יעצט דער פליכט פון דעם חשובן ציבור, צו מגנה זיין די מעשה נבלה פון הליכה לערכאות, און ארויסקומען קעגן דעם בכל החומר, צו וויסן דעם חומר הענין, וואס דער הייליגער מחבר פסק׳עט אין שו״ע אז צו גיין בערכאות של עכו״ם איז מען א רשע ומרים יד בתורת משה רבינו ע״ה.

דרשת הרבני החסיד המפורסם מפרנסי הציבור בנש"ק

# הרב אלישע שמואל הורוויץ הי"ו

**מראשי קהלתינו הק' קרית יואל**

ברשות פונעם רב שליט"א, הרבנים הגאונים שליט"א. ס'איז פאַר מיר נישט גרינג זיך אַוועקצושטעלן דאָ אין אַ מקום קדוש רעדן מיט'ן ציבור פון ווייטאָגליכע ענינים, אויסער דעם פאָדערט דאָס אַ באַזונדער זהירות נישט פוגע צו זיין אין דעם וועמען מ'איז מחויב נזהר צו זיין בכבודם, אָבער ההכרח לא יגונה, ס'מאַכט זיך אַמאָל אַ זמן פון עת לדבר און מ'מוז באַרירן געוויסע האַקעלע ענינים בבחינת "מגלה טפח ומכסה טפחיים".

## המטרה מקדשת את האמצעים

ס'איז יעצט נישט דער זמן און דאָ איז נישט דאָס פּאַסיגע פּלאַץ איבערצו'חזר'ן די לאַנגע קייט פון עגמת נפש וואָס אונזער ציבור מאַכט מיט אין די לעצטערע יאָרן זייט געוויסע יחידים ממחנינו האָבן זיך פאַרמאָסטן כובש צו זיין די קהילות און מוסדות התורה, און צו דעם ציל האָבן זיי געשאַפן אַ מאָדנע שותפות מיט די אַלע עלעמענטן וואָס האָבן געפירט קריגן מיט אונזער הייליגן רבי'ן ז"ל וואָס איז ידוע לכל. קיין שום מיטל איז ביי זיי נישט פּסול געווען, קיין שום כללים פון מענטשליכקייט, קיין שום מנהג ישראל, און אפילו קיין שום הלכה מפורשת איז זיי נישט געשטאַנען אין וועג. אין אַנדערע ווערטער, ווי מאָדנע און איראָניש ס'קלונגט שטעלט זיך אויס אַז זייער פּסול'ער ציל האָט ביי זיי געהייליגט זייערע פּסול'ע מיטלען. אָבער ווי געזאָגט, יעצט איז נישט דער זמן מרחיב צו זיין דעם דיבור אויף דעם נושא מיט אַלע איינצלהייטן. וואָס איז יאָ נוגע אויף יעצט איז, די השחתה און עקירת התורה וואָס קומט פאָר בעת, לעיני השמש.

ליידער לויט ווי ס'קוקט אויס האָט מצליח געווען מעשה שטן מטשטש צו זיין די מוחות פון אַ חלק פונעם ציבור, עד כדי כך אַז כמה וכמה חשוב'ע אידן, און אפילו תלמידי חכמים און רבנים, זענען נישט קלאָר אין דעם נושא, זיי באַגרייפן בכלל נישט עד היכן הדברים מגיעים. מ'קען הערן פאַרשידענע באַמערקונגען כאילו ס'האַנדלט זיך דאָ אין עפּעס אַ מחלוקת איבער ריעל-עסטעיט אָדער אַ מחלוקת איבער ראַביסטעווע, יעדער איינער לויט די אייגענע הבנה און דעם אייגענעם שיקול הדעת.

ס'דערמאַנט אַ מעשה מיט יאָרן צוריק ווען דער רבי ז"ל איז געקומען קיין אַמעריקע, אין די בראשית יאָרן, אונזער ציבור איז דעמאָלט נישט געווען גענוג פאַרמעגליך, מ'האָט געדאַרפט אָנקומען צו תמיכה פון די אויסערליכע קרייזן, דערציילט מען אַז ס'איז געווען אַ איד אַזוי ווי אַנדערע אַמעריקאַנער אידן, ס'האָט אים געאַרט דעם רבינ'ס שטעלונג כלפּי די מדינה, אָבער טראָץ דעם האָט ער געהאַט אַ געפיל און ער האָט תומך געווען סאַטמאַרער מוסדות. ווען ס'איז געווען שמיטה-יאָר און דער רבי ז"ל האָט זיך אַזוי שטאַרק אַרויסגעשטעלט און גע'אסר'ט די אתרוגים פון ארץ ישראל. דער איד האָט געפילט אַז דאָס איז שוין צופיל, דאָס איז ער שוין נישט גרייט געווען אַראָפּצושלינגען, און ער האָט אָפּגעהאַקט, ער האָט געזאָגט אַז מער גיט ער נישט קיין געלט פאַר סאַטמאַר.

ס'איז דורך אַ קורצע צייט, איז מען געוואויר געוואָרן אַז ער האָט ווידער געגעבן. האָבן אים די חברים געפרעגט וואָס איז דאָ געשען? האָט ער געזאָגט ער ווייסט שוין וואָס דאָ גייט פאָר, ער איז געוואויר געוואָרן וואָס עס שטייט אונטער די גאַנצע זאַך. דעם סאַטמאַרער רבינ'ס גבאי [הרה"ח ר' יוסף אשכנזי ז"ל] האַנדלט מיט אתרוגים, האָט ער געזאָגט נו, איך פאַרשטיי אים, ער מוז זיין גבאי'ן שטיצן, איך האָב נישט צו אים קיין טענות. - אַזוי האָט דער איד אָפּגעלערנט פּשט און אָפּגעטייטשט דעם רבי'ן ז"ל'ס מאָטיוון לויט זיינע אייגענע באַגרעניצטע השגות, און אַזוי איז פאַראַן אידן וואָס טייטשן אויס אונזער סכסוך לויט זייערע אייגענע השגות.

די דאָזיגע אויפפאַסונג איז אָבער פאַקטיש אומריכטיג, דער מציאות איז לגמרי אַנדערש, און די מסקנות וואָס ווערן געצויגן דערפון זענען טאָטאַל גרייזיג. און כדי לשבר את האוזן וועל איך זאָגן אַ קורצע מעשה.

## דער ציל פון יעצטיגן סכסוך

אין אַ געוויסע שטאָט האָבן צוויי אידן געהאַט אַ געשעפטליכן סכסוך, זיי האָבן זיך אַרומגעקריגט אַ לענגערע צייט. במשך הזמן האָט זיך די מחלוקת פאַרשאַרפט, ס'האָט זיך אויך געשאַפן אָנגעהענגער צו ביידע צדדים, איינער האָט גערעכט געגעבן פאַר ראובן'ען, דער אַנדערער פאַר שמעון, און נאַטירליך איידעלע אידן זענען געשטאַנען ווייט פון די גאַנצע פּרשה, אַזוי ווי דער סדר איז.

אַזוי איז אָנגעגאַנגען אַ לענגערע צייט ביז אין אַ געוויסן טאָג האָט ראובן אונטערגעצונדן שמעון'ס פאַבריק אין סאַמע שבת קודש. איבעריג צו זאָגן אַז דאָס האָט אויפגעקאָכט די שטאָט אַז ס'האַלט שוין אַזוי ווייט, ממש חילול שבת. איז איינער צוגעגאַנגען צו די נכבדים פון די שטאָט און פאָרגעהאַלטן געוואַלד, פאַרוואָס שווייגט איר, האָט ער אים געענטפערט ער מישט זיך נישט אין קיין מחלוקת, ס'איז מחלוקת, ער מישט זיך נישט אין קיין מחלוקת.

אַזוי קומט יעצט פאָר ביי אונז, הגם דער נמשל איז אפילו נישט דומה צום משל, ווייל ביי אונז האַנדלט זיך נישט אין קיין געשעפטליכע מחלוקת, ס'האַנדלט זיך אין אַ פאַרזוך מצד די מהרסים אונטערצוברענגען די הנהגה רוחנית פון אונזער הייליגע קהילה. זייער מטרה איז אפילו נישט צו בויען זיך אַליינס, זייער אייגענעם צד, נאָר חרוב צו מאַכן אונזער כח. וואָס אימער זיי בויען יאָ, איז בבחינת בונה על מנת לסתור, אַזוי ווי זיי באַשטעטיגן אַליינס מזמן לזמן. ווידער מצדינו זענען אַלע פעולות געווידמעט אויף אָפּצוהיטן דעם פקדון און צו פאַרשטאַרקן די הנהגה רוחנית. ס'איז מובן מאליו אַז ווען איינער שטייט אַוועק פון אַ פּריוואַטן סכסוך, איז עס אַ חשוב'ע זאַך, אָבער צו שטיין אין די זייט ווען מ'פּרובירט חרוב צו מאַכן אַ קהילה קדושה בישראל, דאָס איז גאָר אַן אַנדער עסק.

נאָר וואָס דען, אפילו ווען מ'זאָל אַוועקקוקן די נקודה, אויב איינער וויל זיך דוקא פאַר'עקשנ'ען און ער וויל אָננעמען אַז דאָ איז יאָ אַן איינפאַכע מחלוקת פון געלט אָדער כבוד און דערפאַר איז ער בוחר צו שטיין מן הצד וואָס איז נוגע דעם עצם הסכסוך, אָבער ווי מעג מען שטיין מן הצד ווען די מעטאָדן זענען פּסול, ווען איין צד רייסט אויס בלעטער פון שולחן ערוך און טרעט אויף יסודות הדת און ענינים חמורים וואָס אין אַלע דורות האָט אפילו אַ פּשוט'ער איד געציטערט נישט נכשל צו ווערן דערין. דאָס הייסט נישט אַוועקשטיין פון מחלוקת, אדרבה, דאָס הייסט מחזק זיין מחלוקת. יעדער בר דעת וועט באַשטעטיגן אַז ווען ס'וואָלט געווען דער ריכטיגער אויפברויז מצד דעם וואָס זיי דאַרפן מוחה זיין און מ'וואָלט נישט מחפּה געווען אויף די מהרסים, וואָלט נישט געקענט קומען צו אַזאַ ירידה, צו אַזאַ התדרדרות.

## מה נשתנה בארא פארק מוויליאמסבורג?

מאַנכע פרעגן וואָס איז יעצט אַנדערש ווי פון עטליכע יאָר צוריק ווען אונזער צד האָט געקלאָגט אין געריכט, פאַרוואָס האָט מען דעמאָלט יאָ געמעגט? דער תירוץ איז "דע כי לא מחכמה שאלת על זה". איך וועל פּרובירן בקיצור נמרץ דאָס צו באַרירן. ס'איז אמת אַז אנו רצים והם רצים, אַ איד עסט און אַ גוי עסט, ס'איז אָבער נישט דער זעלבער מאכל. אַ איד עסט כשר'ס און אַ גוי עסט טריפה. כשר'ס מעג מען עסן, טיילמאָל איז עס אפילו אַ מצוה, און טריפה טאָר מען נישט עסן.

מ'האָמיר פריער געהערט נאָכזאָגן דעם לשון המחבר, וואָס באמת ס'איז געבויט אויפ'ן לשון הרמב"ם. דער רמב"ם בלשונו הזהב אין הלכות סנהדרין פאַנגט אָן, "כל הדן בדייני עכו"ם ובערכאות שלהם, אע"פ שהי' דיניהם כדיני ישראל הרי זה רשע וכאילו חירף וגידף והרים יד בתורת משה רבינו". און דערנאָך פירט אויס דער רמב"ם, אַז אויב איז דער בעל דין אַן אלים, "יתבענו לדייני ישראל תחלה, ואם לא רצה לבוא, נוטלין רשות מבית דין ומציל בדיני עכו"ם מיד בעל דינו". אין אַנדערע ווערטער, דער זעלבער רמב"ם, אין דעם זעלבן פּרק, אין די זעלבע הלכה וואָס ער שרייבט ווי האַרב די עבירה איז, פירט ער אויס צום סוף ווען מ'מעג יאָ.

## השתמטות לדין תורה אין וויליאמסבורג

אין וויליאַמסבורג האָבן מיר גערופן דעם אַנדערן צד צו דין תורה כדת וכדין, אָבער זיי האָבן זיך משתמט געווען מיט פאַרשידענע לעכערליכע אויסריידן. בעיקר האָבן זיי פאַרלאַנגט אַז די דין תורה זאָל געפירט ווערן דוקא דורך די דיינים די וואָס האָבן שוין פון פריער מגלה דעת געווען זייער מיינונג. אין אַנדערע ווערטער, זיי האָבן געוואָלט האָבן אַ דין תורה מיט אַ גאַראַנטירטן פּסק פון פאָראויס. אונזער ווענדונג צום געריכט איז געווען בלית ברירה, ברשות בית דין, נאָכדעם וואָס אַלע השתדלות צו ברענגען די זאַך לדין תורה זענען דורכגעפאַלן, גענוי לויט דעם סדר וואָס איז פאָרגעשריבן פון לשון הרמב"ם וואָס מיר האָבן יעצט נאָכגעזאָגט.

ס'איז כדאי מדגיש צו זיין, אַז אפילו דערנאָך האָבן מיר נאָך אַלץ די גאַנצע צייט איבערגע'חזר'ט אונזער בקשה בעל פּה, בכתב, דורך רבנים, דורך עסקנים, דורך מודעות אין צייטונג, זיך בעטן צום אַנדערן צד אַז דער סכסוך זאָל אָנקומען צו בוררות. אַ יעדער רב וואָס פירט דין תורות, צי אַ יעדער דיין וואָס פירט דין תורות, וועט אייך באַשטעטיגן אַז מיר האָבן געטאָן כדת וכדין. דער סך הכל איז, מיר האָבן געגעבן כשר'ס און זיי עסן טריפה.

## דעם רבוש"ע קען מען נישט נער'ן אז מ'מיינט כבוד שמים!

די טבע פון מענטשן איז מ'האט ליב פאַר'ן אייגענעם באַפרידיגונג מחדש צו זיין פשעטלער, הסברים, צומאָל מיוסד אויף פרומע חשבונות, ביז מ'פאַנגט עס אָן אַליין אויך צו גלייבן, למחצה לשליש ולרביע, אַז די שטעלונג וואָס מ'נעמט וועט מרבה זיין דעם כבוד שמים וכהנה.

פאַר די וואָלט איך געוואָלט נאָכזאָגן אַ פסוק אין איוב וואָס איוב האָט געזאָגט פאַר זיינע חברים, ווי פאָלגענד: "הטוב כי יחקור אתכם אם כְּהָתֵל באנוש תְּהָתֵלּו בּוֹ". איז רש"י און אַנדערע מפרשים זענען מסביר, אַז איוב האָט זיי געפרעגט "הטוב", וועט ענק זיין גוט, "כי יחקור אתכם", ווען דער באַשעפער וועט ענק אויספאָרשן, "אם כהתל באנוש תהתלו בו", צי וועט עטס פון אים פונקט אַזוי אָפּשפעטן ווי עטס שפעטס אָפּ פון מיר? יאָ! מיר קענט איר פאַרציילן אַז איר מיינט כבוד שמים, אָבער ווען דער באַשעפער וועט אייך פרעגן וועט איר אויך קענען זאָגן אַז איר מיינט כבוד שמים, און דאָס זעלבע איז גילטיג אויך לגבי די פרטי הדברים, דעם חלק המציאות.

## "עיקול" אדער "תביעה בערכאות"?

מאַנכע זענען מקבל, זיי זאָגן נאָך לעבערליכע אמתלאות להצדיק רשע, צי איז דאָס דער אויסרייד אַז ס'האַנדלט זיך בלויז אין אַן עיקול, צי דער אויסרייד אַז מ'האָט אַ היתר עפּעס אַ סטעישענערי פון אַ בית דין. אין קץ לדברי רוח, ספּעציעל נאָכדעם וואָס ס'איז ידוע אַז אונזער צד האָט שוין אונטערגעשריבן שטרי בירורין. יעדער בר אוריין ווייסט אַז מצד הלכה זענען די אַלע פשעטלעך נישט מער ווי דברי רוח. ווער עס זוכט נישט קיין אמתלא נאָר דעם אמת, קען זייער לייכט מאַכן די נויטיגע בירורים, הן דעם חלק המציאות און הן דעם חלק ההלכה, יאָ! אויב מ'זוכט דעם אמת.

ווידער ווער ס'וויל צייטווייליג בלייבן מיט די אמתלא ווייל ס'איז אים באַקוועמער אַזוי, זאָל ער אָבער געדענקען די שאלה פון איוב, "הטוב כי יחקור אתכם אם כהתל באנוש תהתלו בו". אויב וויל מען מרבה זיין דעם כבוד שמים, איז נאָר דאָ איין וועג, דורך מחזק זיין דעם דרך התורה און נישט צולייגן אַ האַנט צו די וואָס טרעטן אויפ'ן שלחן ערוך, נישט צוהעלפן די מהרסי הדת בפועל און אפילו נישט דורך שווייגן.

## שבראנו לכבודו והבדלנו מן התועים

צום שלוס וואָלט איך געוואָלט פאַר'ן ציבור זאָגן אַ דבר צחות. חכמינו זכרונו לברכה זאָגן אונז "הוי זנב לאריות ואל תהי ראש לשועלים". דאָס הייסט, אַ איד שטייט און ער האָט אַ ברירה, מצד אחד קען ער ביי די שועלים זיין אַ ראש, מה שאין כן ביי די אריות וועט ער בלויז זיין אַ זנב, זאָגן די חז"ל, גיכער זיין אַ זנב ביי די אריות ווי איידער אַ ראש ביי די שועלים. אָבער אַז מ'טראַכט אַריין, דאָס איז אַלעס פאַר די וואָס רעדן זיך איין אַז זיי קענען זיין אַ ראש פאַר די שועלים, זיי פאַרשטייט מען כאָטש איז דאָ אַ שטיקל נסיון, אָבער דער ציבור בכלליות שטייט דאָך פאַר אַ ברירה, אָדער צו זיין אַ זנב לאריות אָדער אַ זנב לשועלים, איז על אחת כמה וכמה אַז מ'דאַרף בוחר זיין צו זיין אַ זנב לאריות, ס'גייט אפילו נישט אַריין בגדר נסיון.

ברוך ד' אַז אונז האָב מיר די זכי' צו זיין אַ זנב לאריות, ברוך אלוקינו שבראנו לכבודו והבדלנו מן התועים. דער אויבערשטער זאָל ווייטער העלפן, זאָל מיר זוכה זיין אויסצופירן דעם שליחות פון רבותינו הקדושים תחת דגלו והדרכתו פון כ"ק אדמו"ר הגה"ק שליט"א, ביז מיר וועלן זוכה זיין צו די גאולה שלימה בב"א.

### דרשת הרבני החסיד איש הציבור

# מו"ה אהרן וועלץ הי"ו

### מנהל מוסדות סאטמאר ב.פ.

איך וועל שטאַרק מקצר זיין. איך וויל נאָר נעמען די געלעגנהייט מכריז צו זיין פאַר כל קהל ועדה אַז איך אַלס אַ פּערזאָן, און אַלס פאַרשטייער פון די מוסדות, וויל טאָן וואָס די תורה הקדושה הייסט, און איך בין מיך גרייט צו שטעלן צו דין תורה צו איינע פון די דריי אָנגעזעענע בתי דינים בישראל, סיי אין מאָנסי, סיי דאָ אין באָראָ פּאַרק, אָדער וויליאַמסבורג, אָדער בזבל"א.

באמת'ן אַריין, געוועהנליך גייט אַ זבל"א אַז זה בורר לו אחד וזה בורר לו אחד. דאָ האָט דער בית דין אונז פאַרגעשריבן ווער דער שליש זאָל זיין. דוקא זעמיר אונז צופרידן דערפון, ווייל הגאון רבי מרדכי [באב"ד שליט"א] איז אַן ערליכער איד, אַן אָנגעזעענער מענטש, אַ תלמיד חכם גדול, און ער איז אַ לכתחילה.

ס'איז באמת לעבערליך, ווייל ס'איז נישטאָ קיין הלכה פון "זה בורר לו אחד וזה בורר לו אחד שנים", ס'איז נישטאָ אַזאַ זאַך, אָבער דאָ האָבן זיי פון אונז דאָס יאָ פאַרלאַנגט. האָבן מיר זיי דאָס נאָכגעגעבן, מיר זענען מסכים, מיר זענען גרייט זיך צו שטעלן צו דין תורה, אָבער אָן אַ תנאים מוקדמים, אָן אַן עיקול, אָן אַ שום באַגרעניצונגען, נאָר אַזוי ווי די תורה הייסט. איך בין גרייט זיך צו שטעלן צו דין תורה היינט ביינאַכט, מאָרגן צופרי, זונטאָג, מאָנטאָג, דינסטאָג. איך פּערזענליך מאַך חתונה פון זונטאָג אַ וואָך. איך האָב געזאָגט פאַר'ן בית דין היינט, איך בין מיך גרייט צו שטעלן אפילו אין דעם טאָג ווען איך מאַך חתונה, סיי ווען.

נאָך אַ זאַך וויל איך ענק זאָגן, אַז איך פּרוביר מיך נאָכצופרעגן וואָס איך האָב צו טאָן און וואָס נישט, ביי אונזער דיין הגאון הגדול ר' אפרים שמעון [לייכטאָג שליט"א]. וואָס ער וועט מיר הייסן וועל איך טאָן. ישר כוח און אַ גוטע נאַכט.


02/25/2008 16:33 8454262634 EVEN HAMISPOT PAGE 01/01

בס"ד

**שטרי בירורין**

אנו הבעלי דינים החתומים מטה, מו"ה מענדל שווימטער נ"י ("צד א'"), מו"ה אהרן וועלץ נ"י "צד ב'"), מודים בהודאה גמורה והתימת ידינו תעיד עלינו יותר ממאה עדים כשרים ונאמנים, שקבלנו עלינו באופן המועיל יותר ע"פ דין תורה לסדר טענותינו בדין ודברים שבינינו [כולל כל התביעות ותביעות נגדיות של הצדדים עד היום הזה] לפני הרבנים הגאונים, הרה"ג חיים יצחק זעלטענרייך שליט"א שנברר מצד א', והרה"ג יקותיאל זלמן גראה שליט"א שנב"ר מצד ב', והרה"ג מרדכי באב"ד שליט"א שנבחר בתור שליש המכריע.

ותם יפסקו בדין ודברים שבינינו,

**הנידון:** בנוגע להסכסוך שבין הצדדים הנ"ל, למי זכות הנהלת וגזבריות, ומי הם הבעלים של מוסדות U.T.A. Boro Park, וגם בנוגע העיקול שיצא מלפני בי"ד המזמינים וכן העיקול בערכאות.

וההכרעה תהא ע"פ דעת רוב הבי"ד [בין על פי דין תורה, בין על פי פשר הקרוב לדין תורה, בין ע[ל] פי פשרה], וההכרעת הרוב תהא אף אם אחד מהדיינים יסתלק או יאמר איני יודע. והותנה בפירוש שאם אחד מהבעלי דינים י[ש]תמט [מתי נקרא משתמט יוחלט ע"י הבי"ד] מלבוא להדי"ת אחר חתימת ש"ב, הרשות ביד הבי"ד או רובם [במקרה שדיין אח[ד] יסלק את עצמו, באופן זה רשאים הדיינים (אמנם אינם חייבים) לצרף דיין שלישי הנראה בעיניהם] להמשיך הדי"ת ולשמוע טענות, הוכחות, עדות, ולפסוק הדי"ת אף שלא בפני בע"ד המשתמט. וכל פסק שיצא מלפני הבי"ד או רובם, בין ע"פ דין תורה, בין ע"פ פשר הקרוב לדין, בין ע"פ פשרה, ואפילו ע"פ טעות ואפילו טעות בדבר משנה, הכל אנו מקבלים עלינו לציית לפס"ק דינם בלי שום השמטה וערעור כלל. והותנה בפירוש שהבי"ד אינם חייבים להשיב על שאלת "מהיכן דנתוני", ושלא יהא כח לשום בי"ד שבעולם לבטל או לשנות את הפס"ד אף אם לדעתם טעו הבי"ד, ורק אם הבי"ד או רובם שקבלו הצדדים עליהם יחליטו שהי' טעות בפס"ד בידם לחזור או לשנות הפסק דין. כן קבלנו את הבי"ד הנ"ל על כל סכסוך שיוולד בין בפירוש הפס"ד ובין בדברים המסתעפים להפס"ד, ובין לטענות או ראיות נוספות לאחר הפס"ד, ובין בדברים הנוגעים לביצוע הפס"ד ואפילו [אחר שיתבצע הפס"ד. כל מה ששטר זה סותר, להשטר שנחתם בלשון אנגלי, יהא שטר זה הקובע. ענינים שמופיעים בשטר אחד ולא בשני, אינם "סתירה". כל הנזכר נעשה בקנין גמור אגב סודר, במנא דכשר למקני' בי', מעכשיו, בפני בי"ד חשוב, בצירוף קנינים וחיזוקים באופן המועיל יותר ע"פ דיני תוה"ק, באופן שלא יהא בו שום חשש קנין דברים או אסמכתא, וכחומר קנינין ושטרות העשוים כתקנת חז"ל, ודלא כטופסי דשטרא והכל שריר וקים.

על זה באנו על החתום יום ____ לחודש __________ שנת תשס"ח לפ"ק

חתימת בעל דין ____ אהרן וועלץ ____

חתימת בעל דין ________ ________

חתימת בעל דין ________ ________

**מנהל המוסדות ר' אהרן וועלץ שרייבט אונטער שטרי בירורין פאר ביד"צ טארטיקאוו און פאר ביד"צ אבן המשפט אז ער איז גרייט צו גיין צו דין תורה און דער רשע מענדל שווימער האט נישט גע'חתמ'ט**

דרשת הרבני הנגיד הנכבד הטפסר המרומם

# מו"ה יצחק ראזענבערג שליט"א

## וויצע פרעזידענט דקהל יטב לב דסאטמאר

במקהלות עם רב אצל "גענעראל פארזאמלונג"

**מוצש"ק פר' שמות תשס"ח לפ"ק – ביהמ"ד הגדול דקהל יטב לב ד'סאטמאר וויליאמסבורג**

א גוטע וואך, א געזונטע וואך לכל העם הנאספים.

מיר דארפן טאקע געבן א שבח והודאה פארן אויבערשטען, אז ב"ה אלע אונזערע ראשי קהלה וואס זיי האבן זיך צוגעשטעלט דא, אלע וואס זענען געווען אלע יארן ביי אונז, זענען דא, געזונטערהייט מיט אונז, השם יאריך ימיהם בנעימים, אמן.

ברשות דעם חשובן ראש הקהל ר' בערל זאל זיין געזונט און שטארק, ער איז יעצט אויף וואקציע האט ער האט מיר געבעטן איך זאל אויפטרעטן. און ברשות די אלע ראשי הקהלה, און אלע חשובע פארזאמלטע, מורי ורבותי.

### מרא דאתרא קדישא הדין: כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

מיר האבן געהערט פריער פון הרה"ג רבי מאיר צוויבל שליט"א ביי שלש סעודות, האט ער געזאגט אז מ'איז מוסיף מחול על הקודש די גאנצן וואך. דא האבן מיר יעצט א געלגענהייט, אפילו ס'איז נאך מעריב, און מ'האט שוין געזאגט דעם אתה חוננתנו, קען מען מוסיף מחול על הקודש, ווייל אלעס וואס מ'טוט יעצט דא איז קודש, ווייל אלעס וואס גייט געזאגט ווערן דא, איז על דעת קדשו פון כ"ק רבינו שליט"א. אלעס וואס מ'וועט היינט ביינאכט ברענגען צו אן אפשטימונג, איז מיט די הוראה און די פסק דין פונעם מרא דאתרא, כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, וואס זיין הייליגע כח אין אונזער קהלה, איז דער זעלבער כח פון רבותינו הקדושים בעל דברי יואל און בעל ברך משה זי"ע.

אזויווי מיר אלע געדענקן, אז חוה"מ סוכות תשס"ז האבן מיר געהאט א גענעראל פארזאמלונג, און דעמאלט האט מען מוסיף געווען אויף די תקנות קהלה, און סעיף אכט, (Article 8), האט מען מוסיף געווען, אז קהל יטב לב דסאטמאר די בכל אתר ואתר, האט אויפגענומען דעם רבי'ן זאל זיין געזונט און שטארק, אז ער האט דעם זעלבן כח פונעם מייסד הקהלה, בעל דברי יואל זי"ע, און פון בעל ברך משה זי"ע, און ס'איז אנגענומען געווארן אן קיין שום התנגדות, אז ער האט דעם כח.

מ'קען אפשר זאגן בדרך צחות, דער עולם פרעגט, מ'פלעגט דאך צו מאכן פסח די וואלן, וואס עפעס מאכט מען דאס יעצט. אבער אזוי ווי ס'קומט דאך די וואך פרשת וארא, איז דאך דא די אלע לשונות פון די גאולה, וואס קעגן דעם איז דאך דא די ארבע כוסות ביים סדר, ממילא האט דאס א שייכות צו פסח. דאס איז בדרך צחות.

### די דורכגעפאלענע פעולות פונעם צד שכנגד

וועלן מיר צוגיין צום ענין.

ס'פרעגט זיך א פראגע, פארוואס האבן די מסרבים לדין, יענע קליקע וואס האבן איבערגענומען די עטליכע זאכן בכח ובזרוע, מיט גזילה און מיט גניבה, פארוואס האבן זיי פאררופן וואַלן יעצט, וואספארא מטרה האבן זיי, און וואס איז די כוונה, עפעס איז דאך דא.

דער תירוץ איז זייער פשוט, נאך אלע מעשות פילן זיי אז זיי האבן נישט קיין בעלות, חוץ די פאר בנינים וואס זיי האבן גע'גזלט בכח, ווייל ס'איז אריינגעקומען דעמאלט פרעמדע מענטשן, וואס זיי האבן נישט געקוקט אויפן כבוד פון בעל ברך משה ז"ל און פון רבי'ן [בעל דברי יואל] ז"ל, און זיי האבן געטאהן וואס זיי האבן געטאהן - איך וויל נישט יעצט אריינגיין אין דעם - און וואס זיי האבן געכאפט דעמאלט מיט כח די פאר בנינים, האבן זיי נישט קיין שום בעלות אויף גארנישט, אפגערעדט פונעם עולם, וואס דער עולם איז ב"ה אוועקגעגאנגען פון זיי.

איך האב טאקע געהערט פון עלטערע אידן, האבן זיי געזאגט, טאמער וואלטן מיר געווען אינאיינעם, און מיר וואלטן געדארפט אמאל מאכן א מין בירור, זיך אפטיילן פון מענטשן וואס זענען מחרחי ריב, וואלט מען נישט געקענט מאכן א בעסערן בירור וואס ס'איז יעצט געווען. עכ"פ די אלע אידן וואס זיי האבן זיך געווייקט ביים רבין ז"ל, ביים דברי יואל, ביים ברך משה, זענען דא, אויף דעם האבן זיי נישט קיין שליטה.

### העברת פי ה' היא לא תצלח – בארא פארק יוכיח!

מ'קען דאס מוכיח זיין דורך דעם, בארא פארק יוכיח, קרית יואל יוכיח, און וויליאמסבורג יוכיח. "בארא פארק", איז דאך כולי עלמא מודי אז בארא פארק מיט וויליאמסבורג איז איין קהלה, אפילו לשיטתם וואס זיי האבן דעמאלט געזאגט אז קרית יואל איז עקסטער, אבער בארא פארק און וויליאמסבורג האבן זיי אויך געזאגט אז ס'איז איינס, אויב אזוי, אויב ס'איז איינס, פרעגט זיך א קשיא: זיי האלטן אין איין זאגן אז זיי האבן "געוואונען", פרעגט זיך א קשיא, פאר וועמען באלאנגען די מוסדות אין בארא פארק?

די אלע מוסדות ב"ה פון בארא פארק, די בתי מדרשים, די בתי חינוך באלאנגט פאר קהלתינו הק', און די פָאר וואס האבן זיך נישט געוואלט אונטערווארפן, האבן געדארפט קויפן א נייעם שטח, און זיי גייען זיך בויען א בית המדרש. פארוואס איז דאס געשעהן, ווייל זיי האבן גארנישט געוואונען פון דעם קאורט, זיי האבן נישט באקומען קיין שום בעלות! אין בארא פארק האבן זיי נישט מצליח געווען צו גזל'ען אזוי ווי דא, ממילא האבן זיי טאקע גארנישט.

ס'איז אמאל וויכטיג אויסצורעכענען, וואס מ'האט ב"ה אין בארא פארק, די אלע מוסדות, חינוך הבנים, חינוך הבנות, אלע בתי מדרשים, דריי-און-פופציגסטע סטריט, פיפצנטע עוו., צענטע עוו., צוועלפטע עוו., אכצנטע עוו., בית מדרש שע"י התאחדות אברכים, בית המדרש תהלות יואל אויף ניו יוטריקט, דער גרויסער היכל התורה, די בית הוראה, די חתונה זאלן, די פלייש געשעפט, אלעס שטייט ב"ה אונטער אונזער קהלה. ווייל דארטן האבן זיי נישט מצליח געווען צו גיין מיט כח.

אפשר איז דא טאקע דאס פלאץ, ארויסצוברענגען אונזער ידיד, הרבני הנגיד ר' אהרן דוב געטטער, ער מאכט היינט בר מצוה זיין בן יחיד, איז דא אין פלאץ ארויסצוברענגען א ברכת מזל טוב. ער איז געווען דער וואס האט זיך ארויסגעשטעלט בגופו ממש, דעמאלט ווען זיי זענען געקומען חול המועד סוכות [תשס"ב], זיי האבן געוואלט צונעמען די קהלה און ארויסווארפן די גבאים, האט ער זיך געשטעלט דעמאלט. שפעטער האבן זיי געוואלט זיך אריינכאפן אין די מוסדות, ס'איז געווען דעמאלט א חומש סעודה, האבן זיי געוואלט דורכדעם אריינקומען, האט ער זיך אויך געשטעלט, מיט כח ממש, און ער האט ב"ה מצליח געווען, און ס'איז נישט געלונגען פאר זיי צוצוכאפן גארנישט אין בארא פארק, זאל אים טאקע דער אייבערשטער העלפן, ער זאל האבן אסאך נחת ביי זיינע קינדער.

עכ"פ אין בארא פארק זעהט מען אז זיי האבן נישט באקומען קיין שום לעגאלע בעלות.

### העברת פי ה' היא לא תצלח – קרית יואל יוכיח!

"קרית יואל", איז דאך די זעלבע זאך, אלע גרויסע בתי מדרשים, זענען ביי אונזער קהלה. אלע בניני המוסדות זענען ביי אונז, און אזוי ווי די פורשים מן הציבור פון תש"מ האבן זיך געדארפט אליינס אנהייבן בויען מוסדות, אזוי האבן אויך יעצט די פורשי הציבור געדארפט אנהייבן אליינס מאכן אייגענע מוסדות, אונטער א פרישן נאמען, אבער ס'איז נישט אונטער דעם נאמען קהל יטב לב דסאטמאר.

די בית החיים אין קרית יואל איז אונטער אונזער רשות, ס'איז אונטער אונזער פולע קאנטראל, די הנהלת חברה קדישא און די מתעסקים, זיי באקומען באפעלן פון די ראשי קהלה און פון די חברה קדושה, וואס דאס איז אלעס ערוועלטע מענטשן דא ביי אונזער קהלה מימים ימימה, און פארשטייט זיך אז אלעס ווערט געטוהן דורך די הוראה פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, וואס ער איז דער מרא דאתרא פון סאטמאר בכלליות, און דער מרא דאתרא פון קרית יואל בפרט.

אונז געדענק מיר נאך אלע, ווען דער רבי ז"ל, דער בעל ברך משה, האט אים געשטעלט אין קרית יואל, ער זאל אכט געווען אויף אלע רוחניות'דיגע ענינים אינעם שטעטל, און דעם בית החיים און די חברה קדישא, וואס כשמו כן הוא, חברה קדישא, דאס איז לויטער רוחניות. יעדער איינער ווייסט פון ווען ס'הייבט זיך אן א גסיסה רח"ל, דער אויבערשטער זאל אפהיטן, ביז נאך די הקמת המצבה דארף מען האבן פארשידענע מנהגים, פארשידענע רוחניות'דיגע ענינים, וואס ס'באלאנגט אויסדריקליך נאר פאר'ן רבי'ן זאל זיין געזונט, פאר'ן מרא דאתרא, און ער איז דער מכריע, פון דעם קען זיך קיינער נישט אוועקרירן.

### העברת פי ה' היא לא תצלח – וויליאמסבורג יוכיח!

אויך אין "וויליאמסבורג", אפילו די בנינים וואס זיי האבן יא פארכאפט מיט כח, קענען זיי נישט נעמען קיין מארגעטדזשעס, זיי קענען נישט פארקויפן. עטליכע מאל, די פאר יאר וואס מ'איז געווען אין קאורט האבן זיי געבעטן פון די בתי משפט, אז מיר זאלן מיר

זיך נישט מעגן רופן "קהל יטב לב ד'סאטמאר", אונז זאלן מיר נישט טארן נעמען "דיוס" פונעם עולם, אדער מ'זאל נישט טארן שיקן קיין "סטעיטמענטס" אונטערן נאמען "קהל יטב לב דסאטמאר", אבער קיין איין שופט האט נישט מסכים געווען דערצו.

## הרחבת גבולי הקדושה בעירינו וויליאמסבורג!

מיר גייען ב"ה אן מיטן נאמען "קהל יטב לב ד'סאטמאר", אונז זענען מיר מרחיב די גבולי הקדושה, סיי מיט די בתי מדרשים, און סיי מיט די מוסדות, חינוך הבנים והבנות, אונז האבן ב"ה היינט צוויי פלייש געשעפטן, דעם כולל, התאחדות אברכים, די קרי' פון איחוד התלמידים אין זומער, ס'איז א שטאלץ פאר די גאנצע געגנט, פאר די גאנצע מאונטענס, די "היכל התורה" וואס מ'האט דא צוגעשטעלט, און לעצטנס האט די התאחדות אברכים נאך איבערגעבויעט, וואס יעדער איינער ווייסט דאס איז דער איינציגסטער מקום אין ווילאמסבורג וואו אידן קענען קומען א גאנצן טאג, זיצן און לערנען.

מיר האבן ב"ה צוועלף מורי הוראות, דיינים מומחים, אפגערעדט דער רב זאל זיין געזונט און שטארק, מיר האבן א "וועד הכשרות", גמח"ן, יעצט האבן מיר אונטערגענומען א פאר אינגעלייט, עסקנים, זיך אומצוקוקן צו אנהייבן בויען א פרישע מקוה טהרה, די מצה בעקערי גייט ב"ה אן, מ'וועט אי"ה קענען קויפן היי-יאר ביי אונז אין מצה בעקערי אן א שום חשש, און אפגערעדט די הנהלת הישיבה וואס זיי קויפן יעצט א קעמפ אי"ה, וואס דאס איז גאר גרויסע אונטערנעמונגען, און דער אייבערשטער וועט העלפן מ'וועט ווייטער ארבעטן מ'וועט ווייטער ממשיך זיין, מרחיב זיין מיט גבולי הקדושה, און אלעס איז אונטער די נאמען קהל יטב דסאטמאר, און תחת השפעתו פון רבין שליט"א, און פון די קהלה.

## די יעצטיגע "וואלן"

יעצט האבן זיי געוואלט, זיי האבן געהאט דמיונות, אז זיי גייען מאכן וואלן, וועלן זיי קענען עפעס אויפטוהן, צו ווייזן אז זיי זענען יא עפעס א כח, דאס איז די גאנצע זאך פארוואס זיי האבן גערופן יעצט פרישע וואלן. על כן דארף יעדער איינער פארשטיין און נישט נעמען פאר לייכט.

תיכף נאכדעם וואס דער קאורט אוו אפיעלס האט גע'פסק'נט, אז ס'איז אלעס א "רעליגיעזע אישו" און זיי מישן זיך נישט אריין, האט די הנהלת הקהלה מחליט געווען אז מ'וועט מאכן וויילן, אזוי ווי ס'פלעגט צו זיין, בוחר זיין אין די ראשי קהלה, די פארשטאנד, די טובים, גבאים, חברה קדישא, און אלעס וואס ס'פארלאנגט זיך, און מ'דארף וויסן אז די וואַלן פון די איז בהוראתו פון כ"ק מרן רבינו שליט"א וואס ער איז דער מרא דאתרא פון די קהלה, און ס'איז אויך אין דעת תורה פון די אנדערע רבנים פון די קהלה, דער בארא פארקער רב זאל זיין געזונט און שטארק, אונזער רב דא, און איבעראל וואו ס'איז דא די דיינים פון די קהלה, אלע האבן געגעבן אן הוראה, אז מ'דארף מאכן וואלן, און ס'איז א חוב אויפן ציבור זיך קומען משתתף זיין.

דארט ווי מ'האט געהייסן, שטייט איבעראל אויף די צעטליך וואו מ'זאל גיין, מ'דארף וויסן אז יעדע שטימע איז זייער וויכטיג, און מ'זאל דאס נישט נעמען פאר לייכט כדי מ'זאל נישט זיין קיין צועקים על העבר. מ'דארף וויסן, ס'איז דא עסקנים וואס זענען עוסק אין די ענינים, זיי זענען געזיצן שעות אריכות, און וואס מ'האט געהייסן טוהן דארף מען טוהן. לויט די שטאַטוטן דארף מען האבן יעדע פיר יאר וואלן, אזוי ווי ס'איז געווען די לעצטע יארן איז דאך נישט געווען קיין וואלן, האט מען באשלאסן אז מ'מאכט יעצט וואלן, דאס איז אבער נישט טייטש לויט די שטאטוטן, אויב מעמבערס אדער ראשי קהלה, ווילן אינמיטן די פיר יאר, צו סיי-וועלכע צייט מאכן נאכאמאל וואַלן איז דאס נישט קעגן די שטאטוטן, דאס קען מען ווייטער מאכן, דאס האט נישט צו טאהן. יעצט האט מען פארופן די וואלן, וויאזוי קהל האט באשלאסן, ממילא בעט מען דעם גאנצען עולם, חוץ וואס יעדער איינער זאל אליינס קומען משתתף זיין ביי די וואלן, זאל מען משפיע זיין אויף די קינדער, אויף די איידעמער, אויף די משפחה, דאס איז נישט נאר אין וויליאמסבורג, דאס איז אויך אין בארא פארק, קרית יואל, מאנסי, בעיסוואטער, לעיקוואד, און סיגעט און אויך אין פלעטבוש וואו ס'וואוינען שוין היינט אנ"ש, אלע חברי הקהלה בכל מקומות מושבותיהם זאלן ארויסקומען וועלן.

מ'דארף גוט געדענקן וואס ליגט יעצט אויפן וואגשאהל, יעצט ליגט אויפן וואגשאהל אלעס, ממש אלעס, סיי די בניני הקהלה והמוסדות, און סיי דער בית החיים, ממילא מ'האט אויסגעוועלט אז מ'זאל מאכן די וואלן דעם דינסטאג, ס'איז א טאג פון א חגא, ממילא בעט מען דעם עולם בכל לשון של בקשה מ'זאל קומען, און מ'זאל מקיים זיין דעם 'חבר אני לכל אשר יראוך', ס'איז דא צעטליך אין אלע בתי מדרשים וואו מ'קען גיין וועלן.

אויך דארף מען דא ארויסברענגען, אז מ'האט ארויסגעשיקט קארטלעך פאר אלע וואס זענען בארעכטיגט צו וועלן, פאר די אלע וואס זענען נישט בארעכטיגט צו וועלן האט מען נישט ארויסגעשיקט, צו די אלע וואס קהל האט באשלאסן ארויסצווווארפן אזוי ווי מ'וועט באלד רעדן, אבער ס'איז געקומען א שמיעה, אז פון יענעם צד האט מען געפעלטשט אונזערע וואל-קארטלעך, מ'האט נאכגעמאכט און מ'האט דאס געשיקט צו אזעלכע מענטשן וואס זענען ארויסגעווארפן פון די קהלה, ממילא זאל יעדער מיטברענגען די וואַל קארטלעך צו די וואַלן און די וואַל קאמיטע וועט דארפן באשטעטיגן, יעדער איינער וואס האט באקומען די קארטל.

אויך האט מען געשיקט צו זייער "לויער" און צו די "אטוירני דזשענערעל", און מיר האבן ארויסגעשריבן אז זיי האבן נישט קיין רעכט צו מאכן וואלן בכלל, זיי זענען נישט די קהלה, זיי זענען קיינמאל נישט ערוועלט געווארן, רוב מענטשן פון דארט וואס אויף די ליסטע זענען בכלל נישט געווען קיין מעמבערס, די האט מען ארויסגעווארפן באצייטנס, אסאך פון זיי האט נאך דער ברך משה ז"ל ארויסגעווארפן, ממילא וויל מען דא ארויסברענגען אז זייערע וואַלן און זייער גענעראל פארזאמלונג, דאס איז נגד התורה, נגד השלחן ערוך, ס'איז נגד רבותינו הקדושים בעל דברי יואל און בעל ברך משה זי"ע, און ס'איז נגד דעם דעת תורה פונעם מרא דאתרא כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, ס'איז נגד די שטאַטוטן, און דא דארף מען אנעמען אן החלטה מיטן גאנצן עולם, א גענעראל פארזאמלונג איז, נאכדעם וואס די פארשטאנד און די טובים האבן שוין גענומען די החלטה, דארף מען דעם גאנצן ציבור, אז יעדער איז מסכים אז די אלע זאכן וואס זיי טוען, האט נישט קיין שום האפט, קיין שום ווערד נישט.

אפשטימונג. אנגענומען איינשטימיג. ס'ווערט פראטאקאלירט.

## "קהל כת הולכי בערכאות העולמי"

למעשה וואלט מען געדארפט אביסל מער צולייגן ווער עס זענען די חברה דארט, די חברה דארף מען געבן א נאמען, "קהל כת הולכים בערכאות העולמי", זיי גייען אין די גאנצע וועלט בערכאות, איך וויל אביסל מפרש זיין וואס מ'מיינט, איך וועל אנהייבן ביי ווילאמסבורג און אזוי ווייטער.

## הליכה לערכאות – וויליאמסבורג

ווילאמסבורג: נישט איין מאל און נישט צוויי מאל האבן זיי פאר'מסר'ט בחורים און אינגעלייט. זיי האבן איינגעשפארט ממש אין תפיסה.

1) ווער געדענקט נישט ערב יו"ט [סוכות תשס"א], אלעס וועגן דעם ווייל ס'האט זיך זיי גדאכט אז מ'האט זיי צוגענומען א קרוין... אדער אנדערע נארישקייטן, איז די שאלה ווער האט זיי געגעבן א היתר צו גיין מסר'ן?! זיי האבן נישט קיין היתר, דאס איז א כת וואס זיי גייען אָן א היתר אין ערכאות.

2) נאך א פרשה איז געווען דא אין ווילאמסבורג, נאכ'ן פסק פון די אפעלאט דעוויזשאן אין ברוקלין, וואו זיי האבן גע'פסק'נט אז זיי מישן זיך נישט אריין אינעם סכסוך פון סאטמאר. זענען זיי געגאנגען און זיי האבן אויפגעמאכט א נייע קעיס, דאס הייסט א נייע "אינדעקס נומבער", זיי זענען געווען די תובעים, אונז זענען מיר געווען די נתבעים, זיי האבן געבעטן דארט אז אונז זאל מיר זיך נישט טארן נוצן מיט'ן נאמען "קהל יטב לב ד'סאטמאר", און אונז זאלן מיר נישט טארן נוצן דעם עבמלום מיט די צוויי טייטלביימער... די נייע קעיס איז זיכער געווען אן א שום רשות בי"ד. אדרבה זאלן זיי זאגן ווער האט זיי געגעבן רשות אנצופאנגען א נייעם קעיס.

נאך א שטארקערע קשיא, אין די נייע קעיס האבן זיי גערופן אין קאורט אויך הרה"ח ר' דוד הויער זאל זיין געזונט און שטארק. זיי האבן אין דעם קעיס אריינגעלייגט זיין נאמען. שטעלט זיך די פראגע: ר' דוד האט נאך קיינמאל נישט אונטערגעשריבן קיין שום דאקומענט קעגן זיי אין קאורט, און אפילו די וואס זיי ווילן זיך דאכטן אז זיי מעגן ווייל אונז זענען מיר געגאנגען - אונז וועל מיר באלד צוקומען מיט אונזער גיין אין קאורט - אבער אפילו די וואס האבן זיך גדאכט אז ווייל אונז זענען מיר געגאנגען, מעגן זיי אויך, ר' דוד איז קיינמאל נישט געגאנגען אין קאורט, ער האט קיינמאל נישט אונטערגעשריבן גארנישט, ווער האט זיי געגעבן א היתר צו גיין בערכאות, אן א הזמנות בי"ד, אן א רשות בי"ד?!

צוויי שעה ארום, גייען זיי זיך צוזאמקומען דארטן אין די גע'גזל'טע ביהמ"ד אויף ראדני, זיי גייען א מאכן א פארזאמלונג. איז אדרבה, איך בעט זיי, זאלן זיי דארט ענטפערן ווער ס'האט זיי געגעבן א היתר צו גיין אין די אלע ערכאות וואס זיי זענען געגאנגען, וועלעכער רב האט זיי געגעבן דעם היתר, כאטש זיי ווייסן אז מיר זענען מרוצה צו גיין צום בי"ד בכל עת ובכל שעה.

דער תירוץ איז, אז זיי גייען אין ערכאות, זיי טוען וואס זיי ווילן, דאס איז א "כת הולכים בערכאות העולמי".

3) לעצטנס איז פארגעקומען א פרשה אין די מקוה טהרה אין ווילאמסבורג, איז איינע פון די קאנדידאטן וואס איז אויף זייער ליסטע [י. וויינשטאק], האט פאר'מסר'ט א חשובן אינגערמאן ר' עזריאל יודא כ"ץ נ"י. איך האב געזעהן די פאפירן, ער האט אריינגעשריבן פארשידענע שוידערליכע מסירות וואס איז נישט געהערט געווארן. שפעטער האט ער שוין געשיקט פון משפט שלום עפעס אן הזמנה אויך. דער ר' עזריאל יודא כ"ץ האט זיך צוגעשטעלט, ער האט געזאגט דאס זענען מיינע בוררים איך וויל מיך שטעלן צו דין תורה, אבער עד היום הזה גייען זיי נישט צו דין תורה. דאס איז נאכאמאל מיטן זעלבן תירוץ, דאס איז א "כת הולכי בערכאות העולמי".

מיר, ווען אונז זענען מיר געגאנגען אין קאורט, איז דאס געווען, נאכדעם וואס מיר האבן גערופן צו דין תורה, כמעט קיין איין בי"ד האט זיך נישט געוואלט צושטעלן, נאר וועגן זייער טעראר, יעדער האט מורא געהאט, ביז ווילאנג ס'האט זיך צוגעשטעלט דער נאווארדיק'ער בי"ד, שפעטער ווען די נאווארדיק'ער בי"ד האט זיך צוריקגעצויגן און קיינער האט דאס נישט געוואלט אנעמען, האבן מיר געהאט א היתר, האבן מיר געהאט מיט זיי אן אפמאכך - זיי האבן געזאגט אז מיר האבן נישט קיין היתר - האט מען געמאכט א אפמאך מיט זיי, מ'האט מסכים געווען פון ביידע צדדים, אז מ'וועט גיין צו כ"ק הגה"צ אבד"ק ואדמו"ר וויען שליט"א, און מ'וועט אים ווייזן דעם היתר, און אויב ער וועט זאגן אז מיר האבן טאקע א היתר שטעלן זיי

זיך צו דין תורה.

איז אזוי געווען, מ'איז געגאנגען צום וויען'ער רב שליט"א, ר' בערל זאל זיין געזונט, ר' דוד הויער, און ר' שמואל אבערלענדער, איך בין מיטגעגאנגען מיט זיי, מ'האט געוויזן פארן וויען'ער רב דעם היתר. ער האט א לאנגע צייט אדורכגעפרעגט דאס גאנצע ענין. איך ווייס קלאר אז דער וויען'ער רב האט זיי דאס געלאזט וויסן. נאך מער, מיר האבן מפרסם געווען אין די צייטונגן אסאך מאל, און דער וויען'ער רב שליט"א איז נישט קיין חדר-אינגל וואס מ'קען זאגן אין זיין נאמען פאלשע זאכן, ער וואלט דאס נישט געלאזט. עכ"פ זיי ווילן נישט גיין צו דין תורה, און וואס מ'האט פרובירט מיט זיי איז נישט געגאנגען, אבער זיי גייען אין ערכאות, זיי טוען וואס זיי ווילן, אן קיין שום היתר בי"ד. ווייל דאס איז א "כת הולכי ערכאות העולמי".

## הליכה לערכאות – בארא פארק

4) בארא פארק: די לעצטע פאר יאר, זענען די מסרבים לדין ווייטער געגאנגען אין ערכאות קעגן די מוסדות. זיי טענה'ען אז זיי האבן א בי"ד און זיי האבן א ראש בי"ד, זיי האבן א בד"ץ. פרעגט זיך א גרויסע קשיא, זיי זענען געגאנגען דארט אין בארא פארק אין ערכאות, און זיי האבן נישט גענומען קיין היתר פון זייער בי"ד, פארוואס האט זיי זייער בי"ד נישט געגעבן קיין היתר?!

וואס דען האבן זיי געטאהן, זיי האבן זיך אויפגעהויבן און געפארן קיין מאנסי, און אויפגעזוכט עמיצן דארטן, א רב גביוף, איך ווייס נישט אויב ער איז פון ליטווישן חדר אדער פון ספרד'ישן חדר. מיר ווען אונז זענען מיר געגאנגען צום נאווארדיק'ער בי"ד, איז אויך געווען ווען מיר האבן נישט מצליח געווען צו באקומען פון ערגעץ א הזמנה, דעמאלט זענען זיי ארויסגעקומען מיט א נייעם מין חידוש נפלא, מ'קען נישט גיין צום נאווארדיק'ן בי"ד, ווייל ס'איז נישט פון אונזער חדר, ס'איז פון ליטווישען חדר. אבער דא, אז זיי האבן א בד"ץ, אזוי ווי זיי זאגן, זיי האבן א ראש בי"ד, פארוואס האבן זיי נישט גענומען קיין היתר פון זייער בי"ד צו גיין אין ערכאות?! פארוואס האבן זיי געדארפט גיין זוכן עמיצען פון מאנסי?! אלא מאי, זייער בי"ד האט זיי נישט געלאזט גיין, האבן זיי גאר אנגעפיפן, און זיי זענען געגאנגען נעמען פון עמיצן א היתר. נו פרעגט זיך די שאלה: דער רב גביוף, ער ווייסט יא די תהלוכי הקהלה?! ער איז יא עפעס פון סאטמארן חדר?!

און אפילו דער רב גביוף וואס האט זיי געגעבן א בריוו, שטייט דארטן קלאר אז זיי מעגן מאכן בלויז אן עיקול, א עיקול איז טייטש אז מ'זאל נישט קענען פארקויפן אדער נעמען א מארגעטזש ביז ווילאנג מ'שטעלט זיך נישט צו דין תורה, און אזויוי זיי האבן געהאט דעם שטיקל פאפיר, זענען זיי געגאנגען מיט דעם אין קאורט.

אונזער געטרייער מנהל המוסדות הרה"ח ר' אהרן ווועלץ הי"ו האט געהאלטן אין איין שרייען, "איך וויל גיין צו א בי"ד"! ער האט געזאגט וועלכע בי"ד ער האט אויסגעקליבן, ווער ס'איז זיין בורר, ער האט דאס אריינגעשריבן בכתב ווער ס'איז זיין בורר, ווער ס'איז זיין טוען, אבער זיי זענען נישט געווען אינטערעסירט, און זיי זענען נישט יעצט אינטערעסירט, זיי זענען נאר אינטערעסירט צו גיין אין קאורט, אן א רשות בי"ד! אויף די גאנצע זאך צו גיין געהעריג אין קאורט קעגן די מוסדות, האבן זיי קיין שום מין היתר נישט, וואס דען, ס'איז ווייטער נישט קיין קשיא, ווייל דאס איז א "כת הולכי ערכאות העולמי".

## הליכה לערכאות – קרית יואל

5) קרית יואל: נאכדעם וואס ס'איז געווען די "ווילידזש וואלן", ווער ס'געדענקט, זיי האבן זיך גערישט אז יעצט גייען זיי שוין "געווינען"... זיי גייען ארויסווארפן דעם רבי'ן שליט"א – דעמאלט דער ארטיגער רב – און זיי גייען איבערנעמען. דער אייבערשטער האט דאך געהאלפן, זיי האבן פארלוירן. זענען די מרי נפש גלייך געלאפן צום דיסטריקט אטוירני, און זיי האבן אריינגעלייגט א מסירה אז די בחורים פון די ישיבה זענען אונטער אכצן יאר און זיי האבן נישט געטארט גיין אין די וואלן, און ס'איז געווען פשוט א סכנה אז מ'זאל איינשפארן די בחורים.

פון וואו האבן זיי דאס געוואוסט, זיי האבן באקומען די פאפירן פון אפיס אין 82 לי עוועניו וואס די קינדער האט געלערנט אין די מוסדות, און מ'האט געוואוסט ווי אלט די קינדער זענען, און אזוי האבן זיי געקענט גיין צום דיסטריקט אטוירני צו ווייזן אז ס'איז געווען וואלן אונטער די אכצן יאר.

איז די שאלה: ווער האט זיי מתיר געווען צו גיין מסר'ן?! זיי זענען געגאנגען בעטן די פאליציי דעמאלט מ'זאל זיי פשוט איינשפארן די בחורים, ס'איז שווער געגאנגען אז מ'זאל נישט איינשפארן די בחורים, אלעס איז געווען די תאוות הנצחון, מ'איז געווען פארביטערט, זיי האבן אריינגעלייגט דעמאלט אין "רעקארד", און אפילו היינט עד היום הזה, מ'לייגט אריין אין "רעקארד" כל מיני מלשינות, כל מיני מסירות קעגן דעם שטעטל, קעגן די ווירטשאפט, און די אלע זאכן טוען זיי אן קיין שום היתר בי"ד, און אן א הזמנה צו דין תורה.

## הליכה לערכאות – מאנטרעאל

6) מאנטריאל: זענען זיי גאנגען אין קאורט. אני הקטן איך האב זיי געשיקט א בריוו אין נאמען פון די קהלה, אז די קהלה איז גרייט זיך צו שטעלן צו דין תורה בכל עת ובכל רגע, און מ'האט זיי געזאגט ווער ס'איז אונזער טוען, און ווער ס'איז אונזער בורר, אבער זיי זענען געגאנגען גלייך אין קאורט אריין, ווייל דאס איז א "כת הולכים בערכאות העולמי".

## הליכה לערכאות (בג"ץ) – בני ברק

7) בני ברק: די הארבסטע פון די אלע זאכן איז נאך "בני ברק".

ס'איז א חרפה און א בושה, א חילול השם איום ונורא, אז תלמידי וחסידי סאטמאר האבן גענומען דעם גאנצן ספר ויואל משה און זיי האבן דאס אראפגעווארפן אויף די ערד און געטרעטן דערויף, "סאטמאר" איז אריינגעגאנגען אין ציוני'סטשן געריכט, דאס איז געשטאנען באריכטערט אין אלע צייטונגען. דאס פנים פלאמט פאר בושה, דער נאמען פון רבינו הקדוש בעל דברי יואל זי"ע איז נתחלל געווארן מסוף העולם עד סופו.

איז ווייטער דא די קשיא: זיי האבן א אייגענעם בי"ד, זיי האבן א ראש בי"ד, האט זיי דער בי"ד געגעבן א היתר צו גיין אין ציוני'סיטשן ערכאות?! זיי זענען געגאנגען און זיי האבן אויפגעזוכט דארטן שלשה רועי בקר, וואס האט זיי געגעבן אויך נישט קיין היתר צו גיין, אבער זיי האבן דאס געגעבן א מין פארענטפער, אז דאס איז נאר...

שטעלט זיך די פראגע: יענע שלשה רועי בקר, זענען יא געווען אין סאטמארן חדר?! אין סיגוט'ער חדר?! זיי זענען יא באקאנט מיט די תהלוכות פון סאטמאר?! זאלן זיי זאגן דארטן ביי זייער "גענעראל פארזאמלונג", מיט וואספארא היתר זיי זענען געגאנגען אין בני ברק, ווער האט זיי געגעבן דעם היתר?!

דער בי"ד הגדול שבירושלים, ובראשם הגאון דער ירושלים'ער רב שליט"א, האבן שוין ארויסגעשיקט פאר זיי צוויי בריוון אז זיי מוזן ארויסגיין פון די ערכאות, אבער זיי גייען נישט! און ווען אונזער צד האט גענומען א טוען מיט א בורר, און זיי האבן שוין אויך גענומען צום סוף דורך'ן דרוק פון בי"ד אין ירושלים, אבער ווען ס'איז געקומען דערצו האבן זיי זיך משתמט געווען. דער בי"ד האט מיר געזאגט, אז קיין סירוב קענען זיי נישט געבן, ווייל זיי געבן נישט היינט קיין סירוב, אבער זיי זענען ריכטיגע "מסרבים לדין", און פארוואס איז דאס, ווייל דאס איז א "כת הולכי בערכאות העולמי".

## והוקע אותם נגד השמש

יעצט רופן מיר דא, אונז זענען מגלה דעת, אז די וואַלן און די גענעראל פארזאמלונג, אלע פעולות און אלעס וואס זיי רופן אויס, אלע מעשים פון די מסרבים לדין, און די "הולכי בערכאות העולמי", דאס איז נגד התורה, נגד השלחן ערוך, נגד דעת רבותינו הקדושים זי"ע, ונגד דעת כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א דער מרא דאתרא, און ס'איז נגד אסיפת והחלטת אקרו"ט. יעצט דארף מיר נאר הערן פון די מעמבערס, אויב יעדער איז מסכים צו דעם, פארשטייט זיך אז יעדער איז מסכים, און ס'האט נישט קיין שום האפט גארנישט וואס זיי טוען.

אפשטימונג. אנגענומען איינשטימיג. ס'ווערט פראטאקאלירט.

## קהל יטב לב ומוסדות תורה ויראה – גזילה היא בידם!

אויך דארף מען אויסרופן, ס'איז דא א פראטקאל פון שנת תשנ"ב, אז אלע קהלות און די מוסדות סאטמאר פון אלע מקומות אין די וועלט, באלאנגט צו די צענטראלע קהלה. איך געדענק קלאָר, וואס איז געווען ביי די מיטונג, איך בין שוין אויך געווען ביי די מיטונג, ר' סענדר דייטש ע"ה האט דאס אנגערופן א מוטער-קהלה. מ'האט דאס געדארפט דורכפירן אז ס'זאל זיין לעגאל, אבער ס'איז דא א פראטאקאל אז אלעס באלאנגט פאר די צענטראלע קהלה.

ממילא רופן מיר אויס, אז די די בניני הקהלה און אלע בניני המוסדות, איז "גזילה הוא בידם", און מ'טאר זיך נישט משתמש זיין מיט דעם. אונזערע חברי הקהלה זענען נישט מוותר אויף זייערע זכותים, דאס איז כולל: די מצה בעקערי, די חתונה זאלן, די מקוה טהרה, די סוכה, און אלעס וואס ס'באלאנגט פאר די קהלה, ס'איז אלעס גע'גנב'עט און גע'גזל'ט, און ווער ס'טוט דארט עפעס, עמיצער ווער ס'נעמט פון זיי זאכן, איז זיכער לכל הדעות, א מסייע לידי עוברי עבירה, און ביי פארשידענע זאכן איז דאס חשש פון גזילה.

נאך א זאך: א חלק ניכר פון די קאנדידאטן וואס זענען אויף זייערע ליסטעס פון די פאלשע וואלן, האט שוין די קהלה לאנג מרחק געווען דורך די פארשטאנד, מיט די הסכמה פון מרן בעל ברך משה ז"ל. איך בין געווען דעמאלט דער שליח אויף איינע פון זיי, וואס מ'האט אים דעמאלט ארויסגעווארפן פון קהל, און דאס איז געווען בהסכמת פון בעל ברך משה ז"ל, און אסאך וואס זענען יעצט ארויסגעווארפן, איז מיט די הסכמה פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, אלעס וועגן די מעשים שפלים וואס זיי טוען, וואס זיי זענען מהרס די קהלה, און אנדערע פארשידענע זאכן וואס איז קעגן די תורה.

איך וויל נישט אויסרעכענען ברבים דא דעם נאמען, ווייל פון זיי איז דא עפעס א זכי' אז זייערע קינדער און אייניקלעך דרייען זיך דא ביי אונז, אבער מ'האט דא צושפרייט צווישן עולם די רשימה, זיי וואס זענען אויסגערעכנט אויף די רשימה זענען ארויסגעווארפן פון קהל, פאר דעם דארף מען אויך האבן די הסכמה פונעם גאנצן עולם, פון די גענעראל פארזאמלונג אז מ'איז מסכים. איז מכאן ולהבא, די אלע מענטשן האבן נישט קיין שום דריסת רגל אין די קהלה קדושה, קהל יטב לב דסאטמאר, און זענען מרוחק פון אונז, זיי האבן נישט קיין שום זכות חבר כלל.

אפשטימונג. אנגענומען איינשטימיג. ס'ווערט פראטאקאליר.

א גרויסן יישר כח פארן ציבור וואס מ'האט זיך אויפגעהאלטן און פארן ציבור וואס איז צוגעקומען, א גוטע פרייליכע וואך.

### מתוך דרשת מחאה שנאמרה בקול חוצב להבות אש ע"י

# הגה"צ רבי חנינא אברהם לייטנער זצ"ל – אב"ד ור"מ מאנטעווידעא יצ"ו

### מוצש"ק פרשת וישב תשס"ב, אצל מסיבה השנתית לטובת מוסדות בנין דוד מאנטיווידעא

ס'האט זיך אזוי געפירט אז מ'ברויך רעדן דערפון בעוונותינו הרבים, וואס ס'גייט דא פאר, - וועל איך מקדים זיין א תפלה וואס מ'זאגט ימים נוראים בעפאר די תפילות המוספין, אשאלה ממנו מענה לשון, איך בעט דעם בוכ"ע ער זאל מיר געבן ווערטער אין מויל אריין.

יעדע זאך וואס ס'האט דאס מינדעסטע צוטון מיט א מחלוקה איז דאך שווער און ביטער... בעוונותינו הרבים בין איך געבליבן אליין פון די זקני הרבנים, אם חכמה אין כאן זקנה יש כאן, מ'האמיר זיך נישט ביי וועמען שואל צו זיין, מוז מען נאר טון את אשר ישים אלקים אותי בפי.

**יעדער ווייסט דאך אז בעווה"ר, אידן מזרע ישראל, און נישט נאר מזרע ישראל נאר זיי זענען אליין אויך אידן וואס גייען אין שטריימל און בעקעטשע, האבן אריינגעגעבן בערכאות א קלאגע...** איז דאך לכאורה דא דער איסור פון ערכאות, וויל איך אבער קודם מגלה זיין אז הלכות "פאליטיק" קען איך נישט, וואס אנדערע זאגן אז זיי ווייסן, ווייס איך אויך נישט, און חושן משפט קען איך אויך נישט אזוי קלאר, נאר **איך פארלאז מיך אויף די דיינים פון קהלתינו הקדושה אז ס'איז אן ענין פון ערכאות וואס איז אוודאי אן ענין חמור.**

**נאר דא איז נאך הארבער, ווען מ'קוקט וואס דא גייט פאר, וואס גייט די פאר מענטשן אין לעבן אריין אז זיי זאלן זיין אין די הנהלת הקהלה? איך האב נישט געטראפן קיין אנדערן אויסדרוק, נאר ווי מ'זאגט אין די הגדה "ולבן ביקש לעקור את הכל", דער לבן הארמי, די וואס פאפן, זיי מיינען אז מ'מיינט נאר הנהלת הקהל, זיי מיינען נישט דאס...**

אין ספר זוהר חי, סוף פון ערשטן באנד (דף רטו), זאגט ער דארט מורא'דיגע זאכן בשם דעם הייליגן עטרת צבי, און דער רבי ר' מענדעלע פון רימנוב, אז אסאך מאל ווען מ'האט א גרויסן עולם קען דאס גאר שאטן, ער זאגט דאס לדרכו, אבער איך האב געקלערט אז לדרכי ליגט דאס אין די ווערטער פון חכז"ל, כל הגדול מחבירו יצרו גדול הימנו, קען זיין אז "גדול" איז טייטש א גרויסער עולם, פארלייגט זיך מער דער בעל דבר אויף דעם יסוד דער מנהיג.

איז **מילא "איך", האב נאר ווייניג מענטשן וואס קומען צו מיר דאווענען, ווי מ'האט פריער געהערט, אז באי בית המדרש האב איך בכלל נישט קיין סאך, האף איך אז דער בעל דבר וועט זיך נישט אזוי פארלייגן אויף מיר אבער דא [ק"ק סאטמאר] איז דא א גרעסערער עולם, און בפרט ווען מ'וויל זיין א "מושל בכיפה" ברענגט דאס צו גרויסע נסיונות.**

וויל איך דא מגלה זיין, די הנהלה **וואס האט געקלאגט קהל אז זיי ווילן זיין די הנהלה, וואס גייט דאס זיי אזוי אין לעבן אריין צו זיין די הנהלה. ס'קאסט דאך אפ אוצרות מיט געלט, און ווי-נישט איז דא דיינים וואס זאגן אז זיי זענען הולכים בערכאות און מחללי ה', נאר דאס איז לבן הארמי, זיי זאגן אז זיי מיינען נישט דאס רבנות, אבער ס'איז דאך ידוע אז מ'קען נישט האבן א רב נאר דורך די מנהלים פון קהל, און זיי האלטן נישט מיט מיט אים...**

עכ"פ יהי' איך שיהי', איך האב גערעדט מיט אפאר רבנים, און איך האף אז מיינע ווערטער וועלן אנקומען, איך קען דאך נישט מיט יעדן טענה'ן, ס'איז געווען וואס האבן געזאגט אז אף על פי כן איז דאך דאס א חילול ה' און מ'דארף זען זיך משפר צו זיין, **האב איך געזאגט, אהובי ידידי ביזט זייער גערעכט, ווילאנג ס'איז דא א טענה פון געלט קען מען דן זיין... נו, וועגן דרכי שלום און וועגן חילול ה' וואלט מען אפשר געדארפט נאכגעבן, אבער דא האנדעלט זיך אז מ'קען נישט נאכגעבן, ס'איז נישט פארהאן קיין דרכי שלום! די אידן ווילן עוקר זיין את הכל! ס'איז נישט שייך צו מאכן קיין פשרות! מ'קען זיי גארנישט נאכגעבן! ווייל חלילה אז מ'גיבט דאס נאך איז דאך עוקר את הכל!** ווייל זיי ווילן אז א געוויסער מענטש זאל זיין א מושל בכיפה, ואשר ימריא את פיו ימות.

**דער חילול ה' דארף יעדן ווי טוהן, אויף די מענטשן וואס גייען דארט אריין בערכאות. אויף חילול ה' איז יעדער איד מצווה,** ווי מ'בעט יעדן טאג ביים דאווענען "קדש את שמך בעולמך על עם מקדשי שמך". דער קהל דא, **דער ציבור וואס דער רבי ז"ל האט אויפגעשטעלט, די זענען די מקדישי שמך, וואס האבן מקדש געווען שמו ברבים דורך דעם ענין פון ציונות, אבער בעווה"ר דא ווערט דאס נתחלל, און ס'פארשוואכט דעם כח פון די מלחמה קעגן ציונות, חוץ דעם עצם חילול ה', וואס די גוים זאגן וכו'.**

**איבער דעם זאג איך, ווען ס'וואלט געווען איבער געלט וואלט מען געדארפט נאכגעבן וועגן דרכי שלום, אבער ווען ס'האנדעלט זיך אין דעם, קען מען נישט נאכגעבן. דער גאנצער ענין פון חילול ה' ליגט אויף אידן...**

עכ"פ יהי' איך שיהי' וויל איך דא זאגן ברבים, און **איך האף אז ס'וועט אנקומען צו אלע ידידי הגאוה"צ שליט"א, וואס יעדער פארמאכט זיך דאס מויל אן קיין שום תירוץ!** איך קען דאך נישט מיט יעדן רעדן, איך האף אז מיינע ווערטער זענען דברים היוצאים מן הלב - ס'פארשטייט זיך אליין אז פאר די אידן האב איך דאס נישט געזאגט, ווייל ווען מ'קומט צו מיר אין שטוב קען מען דאך נישט אזוי רעדן, אבער **איך האף אז ס'וועט אנקומען, און ס'וועט אראפנעמען דעם חילול ה', וואס יעדער איד איז מחוייב זיך אנצונעמען אן קיין שום חשבונות!** איך ווייס נישט פון קיין חשבונות, מ'דארף מודיע זיין וואס דא גייט פאר, **זיי ווילן חלילה עוקר זיין את הכל, די קהלה קדושה פון סאטמאר, און דער גאנצער אחריות פונעם חילול ה' ליגט אויף זיי.**

נאך עפעס וויל איך זאגן, די אלע רבנים רעדן זיך איין אז ס'איז "אין בידם למחות", הגם דאס איז נישט אמת, אבער **איין מענטש איז דא וואס ער קען זיכער מוחה זיין, ס'איז זיכער בידו, למעשה די אידן דאווענען ביי אים אין ביהמ"ד, פארוואס הערט מען נישט קיין ווארט פון מחאה פון דעם איד? איך האב געוואלט האבן א תירוץ אויף דעם!... איך האף אז מיינע דיבורים וועלן אנקומען צו אים און זאל ארויסקומען א תירוץ פארוואס דאס איז נישט קיין ערכאות און קיין חילול ה'.**

מיט דעם וועל איך מסיים זיין וכו', היינט האב איך נישט אויף וועמען זיך צו פארלאזן, איך וועל שרייען אפילו דאס וועט ברענגן צו מחלוקת, איך האב באמת נישט קיין כח דערצו, ווייסט אבער דער בוכ"ע, איך בעט ביים רבוש"ע אל תעזבנו, מ'זאל קענען פאר די שפעטערדיגע דורות איבערגעבן וואס מ'האט מקבל געווען פון די פריערדיגע דורות, איך האב געהאט די זכי' צו לערנען ביים רבי'ן אין ירושלים און דאהי, און איך בין שוין מרביץ תורה לאנגע יארן, וויל איך טאקע זאגן א יישר כח פאר אלע אידן וואס העלפן דערצו, און אלע אינאיינעם זאלן מיר זוכה זיין צו גיין קעגן גואל צדק במהרה בימינו אמן.

Beth Din (Court) of Cong. Yetev Lev D'Satmar

בית דין צדק דקהל יטב לב ד'סאטמאר

ב"ה

## מחאה אדירה ונמרצת

נחרדנו ונזדעזענו עד עומקי נפשותינו על החילול ה' הנורא והמקדש וזלזול התורה הקדושה אשר קרה אותנו בעוה"ר בליל שמיני עצרת העבר בבית מדרשינו הגדול, במקום קודש שבו זכינו לראות את עבודת הקודש בימים האלו ע"י אדמו"ר מרן רבינו הקדוה"ק זי"ע המאיר עינינו והלהיב לבבינו באור קדושתו לשמוח בשמחת תורתינו הק', ועתה אותה קמו אנשי בליעל פחותים וריקים להשתולל בפרעות ובמעשי אלימות ר"ל בבית ה' בצעקות וחרופים והפיכת כלי קודש, וחילול בית מקדש מעט באופן נורא ואיום ונבהל הרעיון, אשר כמוהו לא נהיתה, לעיני כל הקהל הקדוש נערים עם זקנים ונכבדים הלבינו, בפני תינוקות של בית רבן אשר כלם נקבצו ובאו יחד לשמוח בשמחת התורה, ולב כל יהודי יחרד בראותו בבלע את הקודש ה"י.

וכן על מה שהעיזו פיהם בחוצפה יתירה בדברי לעג ובזיון נורא להשפיל לבזות את כבוד הגה"צ המפורסם אב"ד ור"מ שליט"א, וכבר נפסק הלכה בדברי הרמב"ם בהלכות ת"ת פ"ו, ה"א, עון גדול הוא לבזות את החכמים או לשנאותם ולא חרבה ירושלים אלא על שבזו תלמידי חכמים שנאמר ויהיו מלעיבים במלאכי אלקים ובוזים דבריו וכו', וכל המבזה תלמיד חכם אין לו חלק לעולם הבא והרי הוא בכלל כי דבר ה' בזה וכו'.

וכדי שלא תהי' זאת לפוקה לבית ישראל באנו בזה להביע קול מחאה נמרצת וזעקה גדולה ומרה נגד מעשיהם של אלו, ואוי להם מעלבונה של תורה, ואין תרופה למכתם.

ואל אחינו שלומינו אנו קוראים, אל תיראו ואל תערצו רק חזקו והתחזקו בדרכו ובשיטתו הטהורה של מרן אבינו רועינו רבינו הקדוה"ק זי"ע מייסד קהלתינו הק', ותורת דגלו והדרכתו של כ"ק מרן רבינו שליט"א מרא דאתרא קדישא נ"י, עד ירחם ה' על עמו ונחלתו ולא ינוח שבט הרשע על גורל הצדיקים, עד שיקוים בנו דבשכ' ומלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים, בהתרוממות קרן התורה וישראל ובהתגלות כבוד שמים עלינו ומלכינו בראשנו בב"א.

נאום [illegible] ראב"ד

נאום [illegible]

נאום [illegible]

נאום [illegible]

193 KEAP STREET · BROOKLYN, NY 11211

---

Cong. Yetev Lev D'Satmar

קהל יטב לב ד'סאטמאר

[illegible]

Central Office: 130 Rodney Street • Mailing Address: P.O.B 506 • Brooklyn, NY 11211 • Tel (718) 384-7449 • Fax: (718) 384-7435

ב"ה

[illegible] תשס"א לפ"ק

נחרדנו על השמועה כי באו אוזננו פעולות והתעוללות הנעשים על ידי איזה אנשים לפנות לערכאות של גויים חיו לייקר שם אלילים, והוא חילול וזלזול כבוד שמו יתברך, ומרה זה הבגידה גדולה בדת התורה הקדושה, ובמטרה משרשת להרוס ולעקע הנהגת הקהילה עפ"י דרכי התורה שהקים וכונן רבינו הק' זי"ע לשארית פליטת ישראל סבא.

**על כן מהודה הנני לקרוא הנני מצטרפים לפסק דינו של כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א ואנו מזהירים באזהרה חמורה את אלו האנשים מלעשות זאת [illegible] בערכאות העכו"ם באיזה אופן ושם ותניבא ראית להן, [illegible] במשרין והן בעקיפין, והעובר על זה מרים יד בתורת משה רבינו עליו השלום ומחלל ש"ש בפרהסיא ויחוש לנפשו.**

והשי"ת יעזרנו על דבר כבוד שמו ויד שוכני שלום במחנינו ושלוה בארמנותינו להשיב שופטינו כבראשונה ונזכה להושע בתשועות עולמים בהרמת קרן התורה וישראל ובביאת משיח צדקנו במהרה בימינו אמן

[illegible]

[illegible]

---

Cong. Yetev Lev D'Satmar

קהל יטב לב ד'סאטמאר

Central Office 130 Rodney Street • Mailing Address P.O.B 506 • Brooklyn, NY 11211 • Tel. (718) 384-7449 • Fax: (718) 384-7435

ב"ה

לכבוד אנשי שלומנו חברי קהלתינו הקדושה "קהל יטב לב דסאטמאר" תלמידי וחסידי מרן רבינו הקדוה"ק זי"ע ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א הע"י

על השמועה כי באה שהתאספו אתמול בלילה יום א' [illegible] תשס"א לפ"ק איזה אנשים המתיימרים לדבר בשם קהלתנו הקדושה להתיר [illegible] במחשבתם העלונה של כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א, ולהרוס כל הנהגת [illegible] קהלה [illegible] על כן באנו בזה בכח תורתינו הקדושה לגלות בשער בת רבים [illegible] דעת תורה כי כל דבריהם והחלטותיהם בטלים ומבוטלים [illegible] דארעא לא שרירין ולא קיימין, וקשר בוגדים אינם מן המנין.

וגם אנו מוחים מחאה נמרצה על בזיון ועלבון כבוד התורה [illegible] ובפרט על בזיון כ"ק מרן רבינו שליט"א, שנגרמה על ידי מעשיהם של אלו, [illegible] ומכאן הוראה יוצאת לכל הקהל הקדוש אנ"ש לכל להיות בעצה אחת [illegible] להחזקת קהלתינו הקדושה, ולא יתחשבו עם הגזירות והחלטותיהם [illegible] הגה"ק, [illegible] של כ"ק מרן [illegible] רבינו הקדוה"ק זי"ע מייסד קהלתנו הקדושה [illegible] של כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א, ולאורו נסע ונלך עד ביאת ינון.

ולשומעים ינעם ועליהם תבוא ברכת טוב, ובזכות התורה של כ"ק [illegible] רבינו הקדוה"ק זי"ע מייסד [illegible] הקהילה [illegible] שלא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי. ולא ינוח שבט הרשע על גורל הצדיקים, עד ביאת גוא"צ בב"א.

וע"ז באעה"ח יום ב' [illegible] שנת תשס"א לפ"ק

[illegible]

---

ישראל חיים מנשה פרידמאן

דומ"ץ דקהל יטב לב דסאטמאר

ברוקלין, נ.י. יע"א

בעזה"ת

לכבוד מו"ה [illegible] פרידמאן נ"י, מו"ה [illegible] נ"י,

מו"ה יצחק ראזענבערג נ"י, מו"ה שמואל דוד מארקאוויטש נ"י

הננו בזה אחרי שכבר שלחנו לכם מכתב אזהרה [illegible] [illegible]

[illegible]

[illegible]

ואנו מקוים שתשמעו לדברינו אלה הנאמרים באמת ובצדק, ובאעה"ח ביום [illegible] לסדר [illegible] ברוקלין נ.י.

ישראל חיים מנשה פרידמאן

ב"ה

גם אנחנו מצטרפים לדברי הגה"צ הדומ"ץ שליט"א הנאמרים באמת ובצדק, [illegible]

[illegible]

ואנו מקוים שתשמעו לדברינו אלה הנאמרים באמת ובצדק.

ובאעה"ח [illegible] תשס"א לפ"ק

| | | | |
|---|---|---|---|
| משה פנחס [illegible] | יקותיאל יהודא [illegible] | שלמה יהודה וויינבערגער | חיים דוד ב"ץ |
| דומ"ץ דקהלתינו | מו"ץ התאחדות אברכים | [illegible] | דומ"ץ דקהלתינו |
| מאנטריאל | וויליאמסבורג | וויליאמסבורג | בארא פארק |

RABBINICAL COURT OF KIRYAS JOEL

בית דין צדק

# בית דין צדק
## שע"י
## כולל בית תלמוד להוראה
## ברוקלין נ.י. יע"א

לכ' מו"ה יעקב כהנא ור' שאול פערלשטיין, מראה"ק דק"ק יטב לב דסאטמאר הי"ו

בדבר מה שפניתם אלינו, לשמוע חוו"ד בענין ההזמנה לד"ת שקבלתם מבית דין מסויים, עפ"י בקשת מספר אנשים חברי וועד הקהילה לשעבר, בדבר סדר והנהגת הקהילה הנ"ל, בצירוף עם עיקול שלא לבצע ההחלטה שנתקבלה לאחרונה ע"י מנהיגיה וראשיה, ואשר ע"ז השבתם להבי"ד הנ"ל, דאף שלפי הדין והישר דעתכם שבסכסוך זה הי' ראוי לחיות נידון אצל רבני ודייני הקהילה, אעפי"כ הנכם מוכנים לעשות לפנים משורת הדין למען השלום ולמען מניעת אפשרות שיגיע הדבר לידי משפט בערכאות הי"ו הי"ל, וע"כ הנכם מציעים שלשה בתי דין מוסמכים ומקובלים ומפורסמים בעיר, אשר הנכם מוכנים ומרוצים להתדיין אצלם בכל עת, ולעשות ככל אשר יורו עיפי דתוה"ק, ואתם מתנים והבירה ביד התובעים לבחור להם בבחירת לבנו ואחת בשם א' משלשה ב"ד אלו, המשמשים בשכונות שונות ולדעתי אנשים שונים.

...

ומעתה אנו פונים וקוראים בקריאה נרגשת ששום בי"ד בישראל או רב ודיין היושב על מדין לא יתעסק ח"ו ליתן יד באיזה צד ואופן שהוא, שהדבר יגיע ח"ו לערכאות של גויים ח"ו, שכמובן לכל דבר זה יביא ח"ו לחילול השם גדול ונורא בין עם ישראל ולהבדיל אאו"ה בין האומה"ע, במדה ובאופן שלא נשמע כמותו בישראל, כמאמה"כ האריבנו פלילים שנויים ועמי הארץ ידונו ויפסקו על הנהגתת של א' מקהלות הקדושות היותר גדולות ומפורסמות בכל העולם הל"ת.

והבוחר בתורה ובעמו ישראל ובמנהיגי אמת וצדק, יערה רוח של שלום אהבה ואחוה ורעות על כל אנשי הקהילה רבת העם והתהלה משנים קדמוניות, עדי נזכה לקיבוץ גליות בביאת הגואל אבי"ר.

וע"ז באעה"ח למען היושר והצדק, וכבוד הקהילה הקדושה, וכבוד התוה"ק, ביום ב' לחדש אדר שנת תשס"א לפ"ק

נאום הק' יצחק שטיין, דומ"ץ דק"ק מאלטשען, ראב"ד

נאום שלמה צבי שטערן אב"ד דעברעצין

נאום הק' משה ראטה, דומ"ץ קארלסבורג

כל הדברים הנ"ל אמורים בצדק ובמשפט, וצריכים לחזק הדבר בתוקף ועוז שלא ליתן מקום להתגוללות לילך לדון בערכאות ולגרום חילול ה' אשר עונו גדול מנשוא, וע"ז באעה"ח ביום הנ"ל

הק' יחזקאל ראטה

אבדק"ק קארלסבורג



Beis Din Zedek
Rabbinical Court
of the Central Rabbinical Congress of the U.S.A. and Canada

בית דין צדק
דהתאחדות הרבנים דארצות הברית וקנדה

Beis Din Zedek
Rabbinical Court
of the Central Rabbinical Congress of the U.S.A. and Canada

בית דין צדק
דהתאחדות הרבנים דארצות הברית וקנדה

Beis Din Zedek
Rabbinical Court
of the Central Rabbinical Congress of the U.S.A. and Canada

בית דין צדק
דהתאחדות הרבנים דארצות הברית וקנדה

Beis Din Zedek
Rabbinical Court
of the Central Rabbinical Congress of the U.S.A. and Canada

בית דין צדק
דהתאחדות הרבנים דארצות הברית וקנדה



משה טייטלבוים

ב"ה

לכבוד אנ"ש היקרים חברי קהלתינו הקדושה יטב לב דסאטמאר הי"ו

הנה אודות אנשים ושר לקחו מקח רע לעצמם בדברי שוא ושקר לחלוק ולערער בעניני הנהלת והנהגת קהלתינו הק' הנעשים עפ"י הוראתי ופקודתי. כבר גליתי דעתי ברבים באסיפת הקהילה ביום ה' פרשת שמות העעל"ט.

וכעת בראותי שבעוה"ר הבע"ד לא ינוח ולא ישקוט מלהבעיר אש המחלוקת באופנים ודרכים מקולקלים באיצטלא דרבנן להתיר הגדרה ביסודות הנהגת הקהלה זה חמשים שנה מאז נתיסדה ע"י מרן דודי הגה"ק זי"ע. גם ראיתי את חוות דעתם של הרבנים הגאונים שליט"א, וכל דבריהם נאמרים באמת ובצדק עפ"י תורתינו הק' שאין לשום בית דין להתערב בעניני הנהגת קהלתינו הק'.

על כן בכח מרא דאתרא הנני בזה באזהרה חמור לכל חברי קהלתינו שבל יהין מי שהוא ליקר חבר בכל אופן וצורה שהוא לעשות צעדים בלי הוראתי, וכ"ש שלא לפנות לערכאות של עכו"ם ח"ו ולעשות שום פעולה על ידי ערכאות הן במישרין והן בעקיפין שהוא דבר חמור וגדול עונו מנשוא, ומי שיעבור על זה הרי הוא בכלל מרים יד בתורת משה רבינו ע"ה ומחלל שם שמים בפרהסיא ואוי לו ולנפשו, ולהשומעים יונעם ותבא עליהם ברכות טוב לנצח.

ישראל יעקב פישר

ראב"ד לכל מקהלות האשכנזים

ורב דשכון משה

בעיה"ק ירושלים תובב"א

ב"ה

יום ד' ניסן תשס"א

אל מע"כ הרבנים הגאונים היושבים על מדין בארצה"ב מו"ה רבי יקותיאל יהודה טייטלבוים שליט"א ומו"ה רבי ישראל חיים מנשה פרידמאן שליט"א, רבני סאטמאר בוויליאמסבורג

אחדשה"ת

הנני משיב על שאלת מע"כ בעניני הקהילה.

בודאי כל עניני הקהלה שייכים לאדמו"ר הגה"ק מסאטמאר שליט"א ורק בידו כל עניני פרטי הנהגת הקהלה ואין בכח בי"ד להכניס עצמו בעניני הנהגת הקהלה אשר שייכים רק לו.

וע"כ מש"כ שם ב"ד מבורו פארק שמזמינים אותם לד"ת ואם לא יעמדו ברצונם לד"ת ילכו לערכאות העכו"ם הדבר מבהיל מאד ובפרט שכבר הציעו לפנים משורת הדין שלשה בתי דינים להתדיין בפניהם.

וע"כ בודאי הבי"ד יתרחקו לעצמם ולא יתערבו בענינים אלו, ואיסור חמור לילך בערכאות גם לרבות בו עיקול בערכאות.

וכל אלו הנותנים להם יד במישרין ובעקיפין מרימים יד בתורת משה ואין מספיקין בידם לעשות תשובה.

המשתתף בצערן של תו"ח.

נאום ישראל יעקב פישר

ב"ה

יום ג' לסדר לא תעשו עול במשפט כ"ג לתמוז תשס"א לפ"ק

נזדרנו על השמועה כי באה אודות פעולות והתבולות הנעשים על ידי איזה אנשים לפנות לערכאות של עכו"ם ח"ו ליקר שם אלילים, והוא חילול ועלבון בכבוד שמו יתברך, ומרידה ובגידה נוראה בדת תורתינו הקדושה, ובמטרה מפורשת להרוס ולקעקע הנהגת הקהילה עפ"י דרכי התורה שהקים ותיקן רבינו הקדוש זי"ע לשארית פליטת ישראל מכבר.

על כן כיהודה ועוד לקרא הננו מצטרפים לפסק דינו של כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א ואנו מזהירים באזהרה חמורה את אלו האנשים מלעשות שום פעולות בערכאות העכו"ם באיזה אופן ושם הנבוכא ראית להו, הן במישרין והן בעקיפין, והעובר על זה מרים יד בתורת משה רבינו עליו השלום ומחלל ש"ש בפרהסיא וחוטא לנפשו.

ואשרי"ת יעזרינו על דבר כבוד שמו ית' שיהי' שלום במחנינו ושלוה בארמנותינו להשיב שופטינו כבראשונה ונזכה להושע בתשועת שלימה בהרמת קרן התורה וישראל בביאת משיח צדקנו במהרה בימינו אמן.

ישראל חיים מנשה פרידמאן

הק' שלמה יהודה ווייגבערגער

הק' משה מנחם סירנוויטר

יקותיאל יהודה פילאפף

# לכל מאן דבעי למודע

בענין הדו"ד שבין חברי קהל יטב לב

בלי להכנס בעצם הדו"ד הננו מזהירים לכל אחד ואחד שח"ו לילך בערכאות, וכל ההולך בערכאות דינו מבואר בש"ע שהוא ח"ו ככופר בתורת משה

חוץ ממה שבעינינו הוא ח"ו גם חילול ה' עצום ונורא בין כלפי פנים בין אחב"י ובין כלפי חוץ בין הנכרים.

והשומע לדברינו תבוא עליו ברכת טוב.

הונא אברהם ליטנער

אבדק"ק מאגענדארף

נתן יוסף מיידעלס

אבדק"ק אבני שלמה

יחזקאל ראטה

אבדק"ק קארלסבורג

# מתוך דברי מחאה

בקול חוצב להבות אש

# הרה"ג רבי משה מנחם טירנויער שליט"א

דומ"ץ דקהל יטב לב דסאטמאר מאנטרעאל   ור"מ דישיבה "תורת משה"

**שבת פר' מטות תשס"ה   בסיום לימוד פרקי אבות במחנה קיץ פריפאנטעין**

די משנה זאגט אין אבות (פ"ה מ"ט) מה בין תלמידיו של אברהם אבינו לתלמידיו של בלעם הרשע, לכאורה אין ימי חז"ל זענען דאך שוין נישט געווען תלמידים פון אברהם אבינו, אדער להבדיל פון בלעם הרשע. נאר מען זעט פון דא, אז ווען מען פירט זיך אויפ'ן דרך פון א צדיק ווערט מען פארעכנט ווי זיינס א תלמיד, און ווען תלמידים פון א צדיק נעמען זיך צוזאמען, און טוען דעם רצון פון דעם צדיק, האבן זיי דעם זעלבן כח וואס דער צדיק האט געהאט בחיים חיותו.

מיר זענען דאך תלמידים פון רבי'ן זי"ע. עס געפינען זיך נאך דא אידן וואס האבן געהאט די זכי' צו הערן דברי תורה פון רבי'ן זי"ע מידי שבוע בשבוע, יושב ודורש כמשה מפי הגבורה. די אלע וואס האבן געהערט דעם רבי'נס ווערטער האבן געוואוסט אז ביי אים איז נישט געווען קיין שום אנדערע זאך וואס איז אים אנגעגאנגען חוץ כבוד שמים, אלעס וואס ער האט געטאן איז געווען נאר פאר כבוד שמים. פאר יעדע ריר וואס האט נאר אנגערירט כבוד שמים איז ער געווען זיך גרייט מוסר נפש צו זיין דערויף. יעדער אטעם איז ביי אים געווען כבוד שמים. ער האט זיך פון גארנישט אפגעשראקן און אויסגעשריגן נאר דעם אמת.

דער רבי זי"ע האט אמאל נאכגעזאגט ביי אן אסיפה פון התאחדות הרבנים די פסוקים וואס דער אויבערשטער האט געזאגט פאר יחזקאל הנביא, (יחזקאל לד, ב) הוֹי רֹעֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר הָיוּ רֹעִים אוֹתָם הֲלוֹא הַצֹּאן יִרְעוּ הָרֹעִים, אז די פאסטוכער פון די אידן, אנשטאט אינזין צו האבן די אידן האבן זיי זיך אליין אינזינען געהאט. רעכנט דארט דער פסוק אויס פארשידענע זאכן, אֶת הַחֵלֶב תֹּאכֵלוּ וְאֶת הַצֶּמֶר תִּלְבָּשׁוּ וגו' הַצֹּאן לֹא תִרְעוּ, פירט דארט דער פסוק אויס מורא'דיגע ווערטער, לָכֵן הָרֹעִים שִׁמְעוּ דְּבַר ה', כֹּה אָמַר ה' אלקים הִנְנִי אֶל הָרֹעִים וְדָרַשְׁתִּי אֶת צֹאנִי מִיָּדָם, אז אויב מען וועט זיך נישט אויפפירן מיט אידישע קינדער אזוי ווי מען דארף, וועט דער אויבערשטער זיך חלילה נוקם זיין אין די מנהיגים.

**דער רבי זי"ע האט ארויסגעברענגט אז עס ליגט א חוב אויף יעדן רב אדער איינער וואס האט א השפעה אפילו נאר אויף צען אידן, ער זאל כסדר חזר'ן די ווערטער פונעם נביא.** דער רבי זי"ע האט מיך געשיקט אלס שליח קיין מאנטריאל, און ער האט מיר דעמאלט געזאגט בלש"ק, "גיי אהין און לערן מיט'ן עולם", שפיר איך א חוב נישט מועל צו זיין בשליחות.

*

די גמרא זאגט אין מסכת שבת (קלט.) תניא, רבי יוסי בן אלישע אומר, **אם ראית דור שצרות רבות באות עליו, צא ובדוק בדייני ישראל. עס איז דא אמאל א זמן וואס עס איז שווער צו זאגן, עס איז נישט אזוי באקוועם צו רעדן, אבער עס ליגט א גרויסער חוב יא צו זאגן.**

דער אמת איז אז ס'איז היינט שבת קודש, און ס'איז נישט דער זמן צו רעדן פון קיין טרויעריגע זאכן, אבער **מיר לעבן לעצטנס דורך מורא'דיגע זאכן, ס'איז אין לך יום שאין קללתה מרובה מחברתה, מען האט זיך נאכגעשט בארויגט פון איין אומגליק און מען הערט שוין ליידער נאך עפעס, מען זעט אז מען מאנט עפעס פון אונז.**

פארשטייט זיך אז אין אזא זמן דארף יעדער פאר זיך מרבה זיין בלימוד התורה, דאווענען בכוונה, זיך פירן ערליך, און מוסיף זיין מצות ומעשים טובים. ס'איז אבער אויך דא כלליות'דיגע זאכן וואס זענען נוגע דעם ציבור, וויל איך יעצט רעדן פון א פרט.

**אסאך מאל איז דא זאכן וואס ס'איז שווער צו רעדן, און ס'איז דא מענטשן וואס ס'איז זיי שווער צו הערן, אבער ס'איז נישטא קיין ברירה,** א איד קען נישט טאן נאר די זאכן וואס ס'איז אים גרינג. און הגם איך ווייס אז עס קען זיין מען וועט אריינטייטשן פארשידענס אין מיינע ווערטער, בעט איך דעם אויבערשטן מען זאל עס ריכטיג אננעמען.

דוד המלך זאגט אין תהלים (קיט, מג) "וְאַל תַּצֵּל מִפִּי דְבַר אֱמֶת עַד מְאֹד", דוד המלך האט מתפלל געווען אז עס זאל נישט ווערן אפגעטון פון זיין מויל קיין אמת'ע ווערטער. לכאורה דארף מען פארשטיין דעם לשון "עד מאוד", עס קוקט אויס ווי מען וויל עפעס ממעט זיין, אז נאר "עד מאוד", און נישט ווייטער.

נאר ס'איז דא אמאל א מצב וואס מען דארף זאגן דעם אמת. האט דוד המלך מתפלל געווען ער זאל זאגן פונקטליך וואס מען דארף זאגן "עד מאוד", נישט מער און נישט ווייניגער, פארוואס, "כי למשפטיך יחלתי", ווייל איך מיין נישט קיינעם און איך מיין נישט גארנישט. איך מיין נאר מיט'ן זאגן דעם אמת, מקיים צו זיין דיינע משפטים.

די גמרא רעכנט אויס אין בבא בתרא (פט:) פארשידענע הלכות וואס מען טאר נישט טאן אין מסחר וועגן פאפרייען, אמר רבי יוחנן בן זכאי אוי לי אם אומר אוי לי אם לא אומר, אם אומר שמא ילמדו הרמאין, ואם לא אומר שמא יאמרו הרמאין אין תלמידי חכמים בקיאין במעשה ידינו. פרעגט די גמרא וואס איז געווארן דער סוף, אמרה או לא אמרה? אמר רב שמואל בר רב יצחק, אמרה, ומהאי קרא אמרה (הושע יד, י) כי ישרים דרכי ה' וצדיקים ילכו בם ופושעים יכשלו בם. אויב מען מיינט די דרכי ה' קען מען האבן סייעתא דשמיא צו זאגן די ריכטיגע דיבורים וואס מען דארף זאגן.

**הגם מען האט שוין א לענגערע צייט געשוויגן, ס'האט אבער א שיעור וויפיל מען קען שווייגן, און וויפיל מען מעג שווייגן.**

**איך שפיר אז איך מוז זאגן אפאר ווערטער, הגם נישט פאר יעדן וועט עס אויפטאן, זאגט אויף דעם דער פסוק כי ישרים דרכי ה' וצדיקים ילכו בם ופושעים יכשלו בם.**

**ליידער קומט פאר א שרעקליכער חילול שם שמים!... דער בזיון איז דאך איום ונורא, מ'איז מבזה דעם כבוד התורה וכבוד תלמיד חכם.**

**ווען אזא זאך זאל טאן נישט א סאטמאר'ער חסיד, נאר א שוואכער איד, אפילו איינער פון ווייטע קרייזן, וואלט דאך יעדער געשריגן אז ער איז אן עוכר ישראל! דער חילול השם איז דאך איום ונורא! ס'איז אחד שוגג ואחד מזיד בחילול השם! עס איז נישט מעגליך צו שווייגן אויף אזא חילול שם שמים!**

**א איד וואס האט אין זיך אביסל געפיל, קען דאך נישט אדורכטראגן דעם שרעקליכן בזיון! עס איז זיכער אז ווער עס לערנט דעם רבי'נ'ס ספרים, און האט א געפיל פון אידישקייט קען זיך אריבערטראגן דעם בזיון! אויב עס טוט נישט וויי איז א סימן אז מען איז אפגעקילט און מען האט ליידער נישט קיין געפיל.**

*

ס'איז באקאנט וואס חז"ל זאגן (תנ' משפטים ה'), **כשיש דין למטה אין דין למעלה, אויב חלילה מען גיט איבער דעם דין למטה פאר א גוי'אישן שופט, איז דאס דאך ח"ו א קטרוג, און א מדת הדין למעלה.**

דאס זאגט די משנה "הוו מתונים בדין", מען בעט דעם אויבערשטן עס זאל זיין א "מתינות" אינעם מדת הדין, דער **דין זאל נישט זיין אזוי גרויס, לידיער זעט מען אז ס'איז דא א שרעקליכער חרון אף, וויאזוי קען מען אפשוואכן דעם דין, דורך דעם וואס עס וועט זיין א "דין למטה", אז מען וועט נאר גיין צו אידישע דיינים, און נישט חלילה צו קיין שופטים אומות העולם.**

דער אויבערשטער זאל העלפן אז די טעג זאלן איבערגעדרייט ווערן לששון ולשמחה, און מען זאל בקרוב זוכה זיין צו ביאת משיח צדקינו בב"א.

ב"ה

הנני החת"מ מצטרף לדברי הרבנים הגאונים שליט"א למחות על עצם הליכה בערכאות שנעשה כהיתר בעוה"ר, ועל עלבון כבוד התורה.

אוי לנו שכך עלתה בימינו. והש"י ירפא את שברנו.

היום יום ה' לס' ראשי המטת לבני ישראל

**הק' משה מנחם טירנויער**

**דומ"ץ קהל יטב לב ד'סאטמאר**

**מאנטרעאל**

# מתוך דברי מחאה

שהשמיע בקול בוכים

# הרה"ג רבי חיים יהושע הלברשטאם שליט"א

**רב דקהל ויואל משה במאנסי**

**ס"ג שב"ק פר' פנחס תשס"ה**

...איך שפיר דא מחובתי דא צו רעדן נאר אן ענין, וואס דאס הארץ ווייטיגט מיר און בלוטיגט מיר אז איך דארף וועגן דעם רעדן, איך האב כסדר געהאפט אז דער באשעפטער זאל העלפן איך זאל קיינמאל נישט דארפן חלילה וועגן דעם רעדן.

אבער עס איז ביי מיר א בחינה פון "הנה שפתי לא אכלא", איך בין מחוייב על פי תורה, איך טאר נישט און איך קען נישט זיך מער איינהאלטן.

חכמינו ז"ל זאגן אונז "אוי להם לבריות מעלבונה של תורה". שטייט אין מדרש שמואל, אוי להם לבריות, יעדע "אוי" וואס עס איז דא פאר בריות, יעדער ווייטאג וואס איז דא נעבעך אויף דעם עולם, נעמט זיך נעבעך פון "עלבונה של תורה", פון א עלבון התורה.

עס איז נעבעך אסאך אנגעלייגט און עס איז שווער צו רעדן, אבער "אזא עלבון התורה" !... אוי ! "בושנו מכל דור".

מיין זיידע דער באבוב'ער רב זצ"ל האט אמאל מוכיח געווען אויף אן ענין, האט ער געזאגט, אז דער סדר פון די דרשנים איז, אז וואס זיי האבן צו זאגן לייגן זיי דאס אריין אין א פסוק אריין, אבער דאס ענין וואס ער האט דעמאלט גערעדט איז אזא געמיינע פירצה האט ער געזאגט, איך וויל גארנישט פאשמירן דעם פסוק מיט דעם...

עס האבן מיך אנגערופן נעכטן פרעמדע רבנים און האבן מיך געפרעגט, **געוואלד און געשריגן! וואו האלט מען דא? וואו האלט די וועלט? "סאטמאר" וואס דארף צו ווייזן דעם וועג פאר די גאנצע וועלט, "סאטמאר" וואס האט אלעמאל געוויזן דעם וועג אויף אלע ענינים פון תורה, פון יהדות, פון דרך ישראל סבא. ווייזן נישט צו זוכן קיין שום היתרים, קיין שום פשרות. מוותר זיין אלעם כדי אהער צושטעלן דאס אידישקייט, אהער געשטעלט די מלחמה אקעגן ציונות. אהער געשטעלט דאס אידישקייט זאל עקזיסטירן, זאל זיין אזא זאך? האבן מיר געפרעגט פרעמדע רבנים, וואוהין פירט היינט "סאטמאר", וואספארא וועג ווייזט היינט "סאטמאר"?!**

איך שטעל מיך פאר אז מען קען מטהר זיין "את השרץ" בק"ן טעמים... אז חכמינו ז"ל האבן נאך אזוי געזאגט... נעבעך מה נאמר ומה נדבר, אז מיר זענען אנגעקומען צו דעם... "עבירה גוררת עבירה".

עס הייבט זיך יעצט אן דער זמן וואס אידישע קינדער טרויערן אויפן חורבן...., זאל דער בוכ"ע שוין העלפן, מיט דעם וואס אידן זענען מתאבל אויפן חורבן זאל מען שוין צוריק נתרומם ווערן, זאל שוין ביי אונז בקרב מחנינו צוריק נתרומם ווערן דער קרן התורה, דער קרן פון יהדות, דער קרן פון אידישקייט, דער באשעפער זאל העלפן מיר זאלן שוין זוכה זיין צו דאס וואס מען האט געליינט היינט אין די פרשה, ואעבדיניה מלאך קיים וייחי לעלמא למבשרא גאולתא בסוף יומיא, **נעבעך עס גייט אזוי מטה מטה דעם גאנצע כח פון יהדות, נעבעך, איז דען א קשיא וואס מ'זעט אלם כל מיני השחתות וואס גייט נעבעך אראפ?**

זאל דער באשעפער העלפן מען זאל שוין אויפגעראכטן ווערן, ס'זאל שוין צוריק נתרומם ווערן דער כח פון כלל ישראל, דער כח פון ישראל סבא זאל נתרומם ווערן, מיט זאלן זוכה זיין אלע אויסגעלייזט ווערן שוין פון דעם ביטערן גלות, אליהו הנביא זאל שוין בקרוב קומען לעשות שלום בעולם ברענגען די גאולה שלימה, מיטן שווער זאל זיין געזונט [ז"ל] בראשינו בב"א.

# דברי מחאה

# מאת

# כ"ק אדמו"ר מוויזניץ-מאנסי שליט"א

## ס"ג פרשת מטות תשס"ה - קרית וויזניץ קייאמישע לעיק

וידבר משה אל ראשי המטות לבני ישראל לאמר, זה הדבר אשר צוה ה'.

דער אור החיים הק' פרעגט פארוואס דוקא ביי די מצוה רעכנט דער פסוק אויס די ראשי המטות?

**איך וויל רעדן פון א שטארק אנגעווייטאגטן ענין, וואס עס גייט יעצט פאר אין סאטמאר, און איז ליידער א העדר כבוד שמים. עס איז א צער און א ווייטאג דאס צו צוקוקן.** איך האב זיך שוין אויסגעדריקט די וואך אז מען וואלט גענדארפט דערויף גוזר תענית זיין!

מיר געפינען אין חז"ל (סנהדרין קז.), אז דוד המלך ע"ה האט געזאגט עס איז ענדערש צו דינען עבודה זרה און נישט מחלל זיין שם שמים בפרהסיא, זעט מען אז גורם זיין א חילול השם איז ערגער ווי דינען עבודה זרה. אזוי אויך געפינען מיר ביי די ד' חלוקי כפרה (יומא פ"ו), אז חילול השם איז די הארבסטע עבירה וואס אפילו יום הכיפורים איז נישט מכפר.

און דאס אלעס איז אפילו ביי פשוט'ע מענטשן, כל שכן ביי גרויסע מענטשן און ביי מנהיגי ישראל וואס דארפן א דאפלטן זהירות נישט נכשל צו ווערן דערין, ווי דער טאטע ז"ל פלעגט זאגן די ד' חלוקי כפרה, חייבי עשין, לאוין, כריתות, חילול השם, איז דער סדר נישט בהדרגה וואס קודם ווערט מען נכשל מיט עשין וכו' ביז מען ווערט נכשל אינעם ענין פון חילול השם. ווייל דער וואס איז שוין נכשל געווארן אין די אלע עבירות מאכן שוין נישט זיינע מעשים אזא רושם. נאר אדרבה, דער וואס איז גרעסער איז ביי אים שטערקער שייך אז עס זאל קענען פון אים ארויסקומען א חילול שם שמים. און ווי די גמרא אליין זאגט דארט (יומא שם), היכי דמי חילול השם וכו' ר' יוחנן אמר כגון אנא דמסיגנא ארבע אמות בלא תורה ובלא תפילין.

**מתחילה האב איך געקלערט זיך מונע צו זיין פון מוחה זיין, ווייל ווען מען איז דעמאלט אריין אין ערכאות האב איך מוחה געווען פערזענליך און פריוואט, אבער עס האט גארנישט געהאלפן. נאר אזוי ווי דא איז א זאך וואס איז געמאכט געווארן ברבים, ליגט א חוב מוחה צו זיין, ווי מען טרעפט אין חז"ל (שבת נד:) פרתו של ראב"ע וכו', ווי די גמרא זאגט אז עס איז נישט געווען זיין פרה, נאר וויבאלד ער האט נישט מוחה געווען, נקראת על שמו, און ער האט מרבה געווען מיט תעניתים דערויף ווי עס שטייט (ירושלמי סופ"ה דשבת) אמר רבי חנני' פעם אחת יצאת והשחירו שיניו מן הצומות.** פון דעם זעט מען אויך אז מען דארף גוזר תענית זיין.

בנוגע דעם פאל, דאס קען זיין וידבר משה אל ראשי המטות וגו', אז ער האט גערעדט צו די ראשי המטות, די מנהיגים, אז דאס ערשטע וואס זיי דארפן זיין נזהר איז עס זאל דורך זיי נתקדש ווערן שם שמים און נישט ח"ו ארויסקומען דורך זיי א חילול השם. ישרא"ל לאמ"ר מיט די תיבות איז בגימטריא מקדש"י שמ"ך, ווי מען זאגט ביי די תפלות שבת "וינוחו בו ישראל 'מקדשי שמך'". לאמ"ר ז"ה הדב"ר אש"ר צו"ה ה' מיט די אותיות איז בגימטריא מסיר"ת נפ"ש עם התיבות, **אז מען דארף האבן אויף דעם ענין מסירת נפש עס זאל נישט נתחלל ווערן שם שמים על ידיהם.**

דער אויבערשטער זאל העלפן עס זאל אראפקומען א רוח טהרה ממרום, און מיר זאלן זוכה זיין צו השפעת חסדים ורחמים, עלינו ועל כל ישראל אמן.

# קול חוצב להבות אש

# תוכן דברי כ"ק אדמו"ר מוויזניץ-מאנסי שליט"א

## בסעודה שלישית שב"ק פר' ויגש תשס"ג

אחרי שהאריך במעלות המקדש שם שמים ברבים, ובגנות המחלל שם שמים אמר:

איך זאג דאס קעגן דעם, **לעצטנס איז דא וואס זענען זיך מורה היתר צו גיין אין ערכאות. עס ווערט געברענגט אין די גמרא אז דאס איז א גרויסע העדר כבוד שמים. די הארבקייט איז אזוי גרויס** אזוי ווי ס'שטייט אין אבות פ"ד אחד שוגג ואחד מזיד בחילול ה', און די גמרא זאגט (יומא פ"ו) **אז אפילו תשובה און יוהכ"פ מיט יסורים קענען נישט מכפר זיין, אלא כולם תולין ומיתה ממרקת.**

**אויך וויל איך זאגן בנוגע סאטמאר, אז מ'גייט דארטן צו די ערכאות איז נאך גרעסער דער חילול ה'.** אזוי ווי די גמרא זאגט דארט אז רב האט געזאגט כגון אנא אי שקילנא בישרא מטבחא ולא יהיבנא דמי לאלתר הייסט שוין חילול ה', און ר' יוחנן האט געזאגט אז ביי אים הייסט חילול ה' אויב ער גייט ד' אמות אן תורה אדער תפילין. הייסט דאס אז ווי **חשוב'ער מ'איז אלץ גרעסער איז דער חילול ה'.** איך זאג דאס הגם איך ווייס נישט קיין עצה וואס מען קען טון צו דעם.

# טאַטע, פאַרוואָס?!

**אפענער בריוו וואס ליגט אויפן הארץ ביי די קינדער, זון, איידעמער, אייניקלעך און בני המשפחה פונעם מסור והולך בערכאות**

## מענדל שווימער פון ב"פ

טייערע טאטע, שווער און זיידע הי"ו.

אין די לעצטע וואכן איז די אידישע גאס בכלל, און די גאסן פון בארא פארק בפרט, אויפגעקאכט פון די אנטוויקלונגען אינערהאלב די סאטמארער מוסדות "תורה ויראה ובית רחל" אין בארא פארק, וואו דו האסט יעדער געטוהן א פארברעכערישער אקט און געמיינער שריט וואס איז נאכנישט דערהערט געווארן בקורות ימי ישראל צווישן ערליכע אידן יראים ושלמים, תובע געווען בערכאות של עכו"ם מיט שענדליכע מסירות און מלשינות, 9 ערליכע בעלי בתים חסידים ואנשי מעשה, די חברי הנהלה פון די סאטמארער מוסדות.

אין שו"ע (יו"ד סי' ר"מ סעי' י"א) ווערט גע'פסק'עט, "ראה אביו שעבר על דברי תורה, לא יאמר לו עברת על דברי תורה, אלא יאמר לו אבא כתוב בתורה כך וכך, כאילו הוא שואל ממנו ולא כמזהירו, והוא יבין בעצמו ולא יתבייש". (ווען מ'זעט אז דער טאטע איז עובר אויף א דין אין די תורה הק', זאל מען אים נישט זאגן אז ער האט עובר געווען אויף די תורה, נאר אים פרעגן, "טאטע עס שטייט אין די תורה אזוי און אזוי?", און דער טאטע זאל אליינס פארשטיין אז ער האט געטון קעגן די תורה, און אזוי נישט פארשעמט ווערן).

טייערער טאטע, מיר קומען אויך דא מיט א פראגע, אבער די פראגע ווערט געפרעגט מיט ווייטאג, בלוט, ציטער און פחד אויף דיין עתיד: טאטע, שטייט דען נישט אין די תורה "ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם?" אז מ'מוז זיך שטעלן צו א אידישן בית דין; טייערער טאטע, צי ווייסטו דען נישט פון די ווערטער וואס רש"י הק' ברענגט דארט: "לפניהם ולא לפני עכו"ם וכו' שהמביא דיני ישראל לפני ארמיים מחלל את ה' ומיקר את שם האלילים"?

טייערער טאטע, צי ווייסטו דען נישט וואס ס'ווערט גע'פסק'עט אין רמב"ם און אזוי אין שו"ע (חו"מ סי' כ"ו סעי' א') "אסור לדון בפני דייני עכו"ם ובערכאות שלהם" אז מ'טאר נישט קלאגן א צווייטן איד אין גוי'שן געריכט? טייערער טאטע, צי אפשר ווייסטו נישט וואס דער מחבר אין שו"ע פירט אויס, "וכל הבא לידון בפניהם הרי זה רשע וכאילו חירף וגידף והרים יד בתורת משה רבינו ע"ה"? אזעלכע שארפע לשונות וואס ווערט קיינמאל נישט דערמאנט אין שו"ע.

טייערער טאטע, ווייסטו נישט וואס דער הייליגער רמ"א פסק'עט דארט אין שו"ע, "ויש ביד בית דין לנדותו ולהחרימו עד שיסלק יד עכו"ם מעל חבירו"?! - לויט דעם פסק פון הייליגן רמ"א ליגט א פליכט אויף בית-דין מיט דיר מקיים צו זיין די דיני נידוי וחרם.

*

מיר פארשטייען אז די אומשטענדן האבן געברענגט אז דו האסט זיך נישט קלאר בארעכנט אין וואס דו ביסט דא אריינגעפאלן, און געוויסע מענטשן וועלכע לעכצן נאך אידיש בלוט און זוכן אנצודרייען א פייערדיגע מחלוקה צווישן תלמידי וחסידי סאטמאר האבן דיך בלויז גענומען אלס "שטעקן", דער "קרדום לחפור בה", זיך צו באקליידן אונטער דיין מאנטל. מיר פרעגן אבער מיט גרויס ווייטאג: - פארוואס האסטו זיך נישט גערעכנט מיט אונז?!

אין די לעצטע צוויי יאר, זינט דו האסט די ערשטע מאל אריינגעטרעטן אין גוי'שן געריכט, זענען צו דיר אריבערגעקומען רבנים, דיינים ומורי צדק פון די סאטמארער קהלה, און זיך געבעטן צו דיר אז דו זאלסט זיך נישט אריינלאזן אין אזא שמוציגן און אויפטרייסלנדער געשעפט, צו רופן אידישע קינדער אין גוי'שן געריכט, בלויז פאר אייגענע תאוות הנצחון פון כבוד און שררה, אבער יעדער זענען זייערע ווערטער געפאלן אויף טויבע אויערן.

יעצט, זייענדיג אז יעדער האט דאס אומגלויבליכע פאסירט, און קיין שום בושה האסטו אריינגעגעבן שענדליכע קלאגעס אין גוי'שן געריכט, בעטן מיר זיך צו דיר טאטע, מיט א הארץ וואס איז פול מיט ווייטאג, מיט געדאנקען וואס בלוטיגן אונזערע מוחות און לאזט אונז נישט במנוחה - - - מיר דריקן דאס אויס בלויז אין איין ווארט: "פארוואס"?!

פארוואס האסטו נישט געקלערט וויפיל צער און בזיון דו ברענגסט דורך דעם פאר יעדן איינעם פון אונז?!

פארוואס האסטו נישט געטראכט דעם גייסטיגן חרפה וואס מיר גייען אדורך דורך דיין שענדליכן אקט פון מסירה און הליכה לערכאות?!

פארוואס האסטו נישט גענומען אין געדאנק אז דורך דיין הליכה לערכאות וועלן מיר, דיינע אייגענע קינדער און אייניקלעך, בלייבן לחרפה ולדראון עולם, וויסנדיג קלאר אז אונזער טאטע און שווער, זיידע און עלטער-זיידע, "האט יעדער גערופן אידן אין קאורט"?!

פארוואס האסטו נישט אריינגעקלערט, אז הנה ימים באים, די יארן לויפן, א איד ווערט עלטער און מ'דארף צוקומען צו די אייניקלעך זאלן ברענגן כבוד און נחת, וועלן זיי אלע וויסן, אז, יא, יעדער האט זייער זיידע זיך נישט געקענט גובר זיין אויף דעם תאוות הנצחון, און ער איז א פאלנער "הולך בערכאות של עכו"ם"?!

פארוואס האסטו נישט געלייגט דיינע פערזענליכע געפילן, אדער גאר "דעם תאוות הנצחון פון אנדערע", אין די זייט, און זיך גערעכנט אז מיר דארפן נאך טוהן "שידוכים" מיט די קינדער, און יעדער וועט פון היינט-אן וויסן צו טייטלען אויף אונז, אז מיר זענען די קינדער און אייניקלעך פון דעם מסור און הולך בערכאות, וואס דער שו"ע רופט אן "הרי זה רשע וכאילו חירף וגידף והרים יד בתורת משה רבינו ע"ה"?! און ווער ווייסט נאך אזוי גוט דעם אמת ווי די מענטשן פון דיין אייגענע פארטיי, דיינע יעצטיגע גוטע פריינט?!

די וועלט זאגט: "יעדן קען מען נאר'ן, חוץ די אייגענע קינדער". טאטע, אונז קענסטו נישט נאר'ן; מיר ווייסן גענוי ווער און וואס האבן דיך געשטיפט צו טוהן דעם שווידערליכן אקט פון קלאגן אין גוי'שן געריכט אייגענע ברודער און גוטע פריינט, אן קיין שום הזמנה לדין תורה, און אפילו נישט קיין קלארן היתר פון א שוואכן בית דין, נאר בלויז אן היתר עיקול, און מיר ווייסן גענוי די מעטאדן פארוואס זיי האבן דאס געגעבן.

עס טוט אונז שטארק ווייט אויסצושרייען אונזער ווייטאג ברבים, אבער ס'טוט נאך פיל מער וויי צו שווייגן און וויסן אז פאר ביליגע פארטייאישע נצחון האבן א באנדע מחרחי ריב באיצטלא דרבנן דיר גענוצט פאר זייערע אינטערעסן, און דיך גענומען אלס שליח צו קלאגן אידן אין גוי'שן געריכט.

יעצט, ווען מיר שטייען אין די לעצטע טעג בעפאר ס'דארף זיך אנהייבן די געריכטליכע קלאגעס און פארהערן, בעטן מיר דיך בכל לשון של כבוד ובקשה, טייערער טאטע, אויב האסטו נישט געשוינט דיין כבוד און דיין עהרן-נאמען, פארשוין אונזער כבוד און דעם כבוד פון דיינע אייניקלעך. מיר ווייסן אז דו ביסט אונז א געטרייער טאטע, און "וואס טוט נישט א טאטע פאר אייגענע קינדער"?!

בעטן מיר דיך טייערע טאטע, לאז דיך ארויס פון דעם גאנצן עסק, מאך א קידוש ה' איבער די גאנצע וועלט און זיי חוזר פון דיינע תביעות בערכאות של עכו"ם, און דערמיט גורם זיין א ריכטיגן נחת רוח פאר די הייליגע נשמה פון רבינו הק' זי"ע בגנזי מרומים, און בזכות דעם וועסטו זוכה זיין צו זען לאנגע יארן מיט נחת דקדושה פון אונז אלע, מתוך עושר ואושר וכל טוב לנצח.

ווי עס שרייבן מיט ווייטאג פון טיעפן הארץ

**דיינע קינדער, טעכטער, איידעמער, שנורן,**
**אייניקלעך און צוקונפטיגע אור-אייניקלעך**